215

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 3־2 (העפט 2־341) איין און צוואַנציקסטער יאָר פעב.־מערץ 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

עד דלא ידע, דער פרעזידענט און זיין מורה מורינו ........ ** 1
לעאָ קעניג — אַ בן־שבעים ! (עסיי) ........ יהודה ביעטש 3
איך אַליין (ליד) ........ שמואל ווהייט 6
„ספר משלי״ (מיטיאַטור) ........ ש. טענענבוים 6
צו די וואַלקנס, שטימונג (לידער) ........ עלע זילבערג 7
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע
חכמים. די מרדכי ואסתר־עפּאָכע) ........ י. ריכטיגער 8
שלח־מנות (לייכטע פורים־סאַטירעס) ........ שמואל ווהייט 15
וואָס די יידישע ישראל פרעסע שרייבט איבער סימאָן אָסיוויצקי ........ בן־תמיר 15
ווווס שטייסטו (ליד) ........ ש. קילשטיין 17
ראָטשילדס פידעלע (דערציילונג) ........ אַנטאָן טשעכאָוו 18
די באַלאַדע פון דר. ראַדריגאָ לאָפּעץ, די באַלאַדע פונם פרעזידענטס
אתרוג־פושקעלע א.א. לידער ........ א. נ. שטענצל 27
מיין באַזוך אין טעאַטער „גרענד פאַליי״ (רעצענזיע) ........ עלען ווינאָגראַד 34
באַריכט פון דער יערלעכער אלגעמיינער פערזאַמלונג פון „פריינט פון
יידיש לשון״ ........ מ. וו. 35
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 36
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 36

---

קומט צו אונזער פורים-באַל

**זונטיק**, דעם 13'טן **מערץ** — היינט פורים

אין אדלער האל

---

**פרייז 2 שילינג**

**אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות (המשך)

פערגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט אין סעמינאַר : רבי אלעזר ספּעקטאָר, יעקב ריכטיקער, שלמה אויערבאַך, מאָריס מיג־דעל און יוסף פּרענקל. די אַרבעט פון סע־מינאַר גייט אָן מיט גרויס דערפאָלג.

אויף דער חנוכה פייערונג אין בן־אורי האָבן זיך באַטייליקט, שלמה אויערבאַך, י. ביעטש, מנשה וויסגראַז, מאיר באָגדאַנסקי א.א. דער אָוונט האָט צוגעצויגן אַ בכבודיקן עולם.

* * *

דער חנוכה־באַל ביי פריינט פון יידיש־לשון איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

* * *

אויפן ערנאָוונט פון די סטאַרס אין גרענד־פאַלעי־טעאַטער, העגרי גערא און ראָסיטא לאָנדנער, איז געווען אַ גרויסן עולם, וואס האָבן מיט זייערע כסדרדיקע אַפּלאָדיסמענטן אויסגעדריקט זייער דאַנק די קינסטלער פאַר דעם פיינעם שפּילן דאָ די פאַר חדשים.

דער באַקאַנטער מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָר י. ביאלסקי, וועלכער האט זיך אויך קונה שם געווען אויף דעם געביט פון חזנות, האט איצט פאַרעפנטליכט אַז „אב הרחמים, הוא ירחם״, מיט אַמאָדערנעם פיאַנאָ־אַקאָמפּאַ־נימענט, אויך א ליד פאַר דעם „יום העצמ־אות״־מעלאָדיע און ווערטער פון משה קאָנ־סטאַנטינאָווסקי פון בוענאָס־איירעס—איבער־געזעצט דורך דעם ערשטן אין העברייאיש, און די באַקאַנטע פּאָעמע פון טשערניכאָוו־סקי : „שחקי, שחקי על החלומות״. איבער־געזעצט דורך אים אין יידיש.

ביידע ארויסגעגעבן מיט ביאלסקי׳ס פיאַנאָ־אַקאָמפּאַנימענט.

* * *

צום קומענדיקן סעזאָן קומען באַוווסטע סטאַר־געסט פון ישראל. עס איז צו האָפן אַז די גרענד־פּאַלעי־טעאַטער וועט ווייטער אָנגיין מיט גרויס דערפאָלג.

## רעדאַקציע - נאָטיץ

דאָס ליד פון ש. קילשטיין און די מיניאַטורן פון ש. טענענבוים, זיינען שוין אויסגעזעצט און וועלן זיין געדרוקט אין קומענדיקן נומער „לשון און לעבן״.

ד. ר.

**„די אידישע שטימע״**

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone : BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

פריינט פון יידיש לשון

## גראנדיעזער פורים באל

טאַנץ און געשמאַקער צובייסן מאַסקעס און המן־טאַשן

אין דער אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1.

**זונטיק 13־טן מארטש**

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס — אָפגאַנג, 7.30

---

## „די אידישע שטימע"

לאדעט איין אלע פריינט צו דער אידישן טעאטער „גרענד פאליי" צו

א גאלא פארשטעלונג

דינסטיק דעם 15־16 מערץ, 1960 — בילעטן ביי דער קאסע

---

„פריינט פון יידיש לשון" און בן־א. סאָכאַטשעווסקי בוך־קאָמיטעט

לאַדן אייך איין צו קומען אויף אַ

## בן־א. סאכאטשעווסקי - אקאדעמיע

געווידמעט צום דיכטערס 2־טער יאָרצייט און צום דערשיינען פון זיין בוך

**דער אלינער**, וועט פאָרקומען אין דער **אדלער האל**

אדלער סטריט, לאָנדאָן, איסט 1, זונטיק, דעם 3־טן אַפּריל, אַ זייגער 6.30 אוונט

עס וועט זיך באַטייליקן אַ ריי יידישע שרייבער געזעלשאַפטלעכע טוערס

י. ביעטש, י. ל. פיין, אהרן ראָלין, שלמה אויערבאַך, מיכאל זילבערבערג

און א. נ. שטענצל

רעציטירן פון דיכטערס לידער וועלן

**סעם גאלדבערג** און **עלען ווינאגראד** א.א.

פ א ר ז י ץ : **י. ח. קלינגער**

אריינגאַנג פריי ! — טיי און צובייס וועט סערווירט ווערן

---

## סעמינאר פאר קולטור און וויסן 1959־60

ביי „פריינט פון יידיש לשון" אַדלער־הויז, אַדלער סטר. א. 1.

יעדן מיטוואָך פון 8 ביז 10 אַזייגער

מיטוואָך, דעם 16׳טן מערץ

**לעקטאָר:** א. נ. שטענצל, לייענען שפּרוך־ווערטער — מ. ווייסגראַז

**טעמא:** דער מהות און זין פון פאָלקלאָר

מיטוואָך דעם 23׳סטן

**לעקטאָר:** י. ריכטיקער

**טעמא:** די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד

מיטוואָך, דעם 30׳סטן, דער סיום־אָוונט פונם ווינטער־סעמעסטער 1959־60

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 2־341) איין און צוואַנציקסטער יאָר פעב.־מערץ 1960 לאָנדאָן

## „עד דלא ידע"...

די וועלט האָלט שוין אצינד ווידער ביי דעם „עד דלא ידע"; אַליין, נישט וויסנדיק, מיר נישט דיר נישט, קאָן עמעץ־ווער אַ דריק טון ביי אַזאַ קנעפּל, און ס׳איז „ונהפוך הוא" — דאָס גאַנצע ערדעלע האָט זיך איבערגעקערט. די דיפּלאָמאַטיע, די פעלקער בלע״ז, קוקן זיך אָן מיט זייערע פאַרשמירטע מאַסקע־פּנימער און וויסן פון זייערע קעפּ צו זאָגן, מיט וואָס דאָס פּורים־שפּיל וועט זיך דאָס מאָל ענדיקן — אַז אַגאַדיר איז קוים אַ מוסטער־פּראָבע! מען איז פאַרשכורט פון מאַכט „עד דלא ידע"!

און מיר יידן אוודאי און אוודאי: איין קליינינקייט, מיר שיקן כלי־זיין צום תליין „זעלבסט", מיר באַוואָפענען דעם מערדער איבער אלע מערדער, דעם המן־רוצח פון אלע דורות: „עד דלא" „יודע", ביז עס בלייבט נישט איבער, חלילה, קיין איין ייד...

אָבער ווי דער שטייגער איז, איז דער שטן תמיד מקטרג בשעת הסכנה! אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר געגוגט שוין דער ריח בלויז פון אַ ליידיק פלעשל, און דער קאָפּ דרייט זיך שוין, און מען פאַלט פון די פיס. אָבער, אַז עס קומט דער טאָג פון פּורים, גיסט מען אין זיך אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש, און ס׳נעמט נישט — מ׳בלייבט ניכטער ווי אַ פיש.

עס נעמט קיין סוף נישט צו דעם „עד דלא ידע"! און באמת, אויב דער דייטש, אַדענאַוער, איז דער בעסטער פריינט פון אונזער ישראל־פּרעמיער, דער ידיד נפש פון בן־גוריונען, פאַרוואָס זאָל, דער פאָטער פון די פעלקער, כרושטשעוו, נישט טאָרן זיין נאַסערס עצה־געבער און בעל טובה? און אַז די יידישע מדינה שיקט געווער צו אַדענאַוער פאַרוואָס זאָל נישט זיין דער דריטער פריינט אין בונד פראַנקאָ? קומט עס אים נישט בירושה פון טאָרקוואָמאַדאָ?

עס איז דאָך אַזוי ניכטער־לאָגיש — ממש „עד דלא ידע": ישראל גיט דאָס געווער, שפּאַניע, להבדיל, דעם פלאַץ אַנידערצולייגן, און דער נאַצי־יורש וועט דעם שייטערהויפן אינטערצינדן?...

ווי פּאָפּולער דאָס נייע דייטשלאַנד איז דאָס געוואָרן ביי אונזערע יידישע פּאָליטיקער — ממש מ׳עסט זיך פון די מיילער!...

און אַז יידישע פּאַרטיי־מאַכערס מכל־המינים, קולטור־טוער און שאַפער ווערן אָפּגעחורשט איז גאַנץ נאַטירלעך־לאָגיש און ניכטער, אַז מיר פאַרטיליקן אַליין בידים דאָס וואָס די ידים ידי עשו האָבן נישט געקענט, זיי האָבן נישט געהאַט דעם „פאַרשערן" צוגאַנג צו אונזערע אינערלעכע הייליקייטן.

אונזער קולטור־מצב אַצינד איז באמת שוין „עד דלא ידע״! פורים־שפּילער דרייען זיך נאָך אַרום מיט אויסגעלערנטע לידלעך, יעדער זינגט זיך זיינס: „גיט מיר אַ קרעפּל און וואַרפט מיך אַרויס״ — נאָך מיר דער מבול״! „שכור יאַ, עשו מוז מאַכן אַ כוסה, מוז טרונקן משקה פון דער פלאַשקע איז אַ גוי, שכור איז ער, טרינקן מוז ער״ אָבער מיר קאָנען גלאַט ליגן אין רינשטאָק, ניכטערערהייט, דאָס איז אונזער נאַציאָנאַלע־פליכט איצט: די לעצטע „דיוטי״ — די „דיוטא־אחרונה״!...

אַז ביי אונז איז עס שוין אַזוי שפּלדיק־עד־דלא־ידעדיק, אז מ׳ברויך שוין אפילו נישט קיין פאַרשמירטע מאַסקע אויך נישט — אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע בושה: מ׳שנייצט זיך די נאָז און מען שמירט דאָס פּנים און — עס גלאַנצט פאַרשנאָשקעט יום־טובדיק...

ביי אונז, אַז אַ פּאַטשיילע איז נאָר דאָ, גייט מען אויף כבוד איבער די הייזער און ס׳איז „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר״; אַ טייערע יום־טוב דער פורים; ווי האָבן אונזערע חכמים געזאָגט: אַלע יום־טובים וועלן בטל ווערן, נאָר דער יום־טוב פורים וועט בלייבן.

„וגם חרבונה זכור לטוב״! צו אונזער חורבן ווילט זיך נאָך אַ גוטן לאַך טון אויך: יידישע אינסטיטוציעס, וואָס אויף זייערע פייערונגען סמייען נישט אַ יידיש וואָרט אויף די ליפּן צו ברענגען, ווייל מען וויל זיך האַלטן אויף אַ לייטישן ניוואָ, שיקן זיי גאָר אָפּ פייערדיקע רעזאָלוציעס צו כרושטשאָוון מ׳כח יידיש. אַ „העצע״ באמנות: אפשר האַלט זיך אָט דער כרושטשאָוו אויך פאַר אַ לייטישן מענטש, און וויל זיין מאָקווע אויך האַלטן אויף אַ הויכן קולטור ניוואָ... „עד דלא ידע״, אזש ס׳שווינדלט שוין אין קאָפּ פון דער הויכקייט...

## דער פּרעזידענט און זיין מורה מורינו

1

נישט אין שטיין געהאַקט און נישט אין בראָנז געגאָסן,
נישט אין גאָלדענער רעם אַ געמאָלענער פּאָרטרעט,
עס גענוגט זיין „פּיקטשער״ אין „דשואיש קראָניקל״,
ווי ער שטייט, וואַזשנע אַזוי, אויף דער פּלאַטפאָרם און רעדט.

נאָך גוט מ׳הערט נישט ס׳אינטעליגענטיש געגאָרגל,
עס גענוגט שוין דער אַקצענטירטער שטריך פון איין האַנט;
מען זאָל נאָך זען, ווי דאָס רעדט מיט זיינע ביידע,
און הערן דאָס ענגאַליש — צו אונזער גרויסער שאַנד.

האָב איך עס נישט איינמאָל געהערט, ווי זלידנע, ווי...
מילא פון אַ יהודי, אָבער פון אַ יידלאַק!
עס שטייט טאַקע „הידים ידי עשו״ — —
מיין יידישע האַנט האָט זיך געפויסט אין אַ קולאַק.



ווי ווילט זיך פאַרפאָרן אין דעם פורים־שפּיל־פּנים,
אַראָפּרייסן די מאַסקע און די כובע פון קאָפּ;
איידער ער זאָל קומען אויף גויאישע הענט,
בנאמנות, פון מיינע געווען אַ סך בעסער אָפּ...

2

אַז אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר מ׳עסט קרעפּלעך,
און המן־טאַשן אָנגעפּילטע מיט מאָן,
אַ וווּנדער אַז אַ גאַנץ יאָר אַ פורים רב,
דער „מורה מורינו הרב הגאון״?

דעם פּרעזידענטס שלח־מנות אונטערטראָגער,
אויף אַלץ וואָס ער זאָגט, זיין מעקעדיקן: „יאָ״.
גוט וואָס זיין ציגן־, אַ קמץ־בערדל איז,
קאָן ער וויסן, אַז קמץ־אלף מאַכט אָ.

אָ, אויף „עד דלא ידע״ ברויכט ער נישט וואַרטן,
ביז עס קומט פורים און ער שכורט זיך אָן...
דערפאַר טאַקע יום־כפור פול איז זיין שול,
ער ליינט דעמלט ווי אין „בני אדם״ דער האָן.

יהודה ביעטש

## לעא קעניג — א בן שבעים!

אין דער גאלעריע פון אונזערע ליטעראריש בעלי־יובל פארנעמט לעא קעניג אן אנגעזעען ארט אין דער יידישער ליטעראטור. ער קען באמת באַ־צייכנט ווערן אלס דער קריטישער שרייבער איבער נאציאנאלע, עסטעטישע פראבלעמען; און ער איז אויך א גלענצנדער עסייאיסט איבער קונסט און קינסטלער. חוץ מזה האט ער געשריבן א גרויסע צאל ארטיקלען, סקיצן, דער־ציילונגען, וועלכע זענען צעווארפן איבער פארשיידענע צייטונגען, זשורנאלן און אנדערע פעריאדישע אויסגאבן. ס׳מוז ווערן אונטערגעשטראכן, אז אין אלץ און אלעמען פון זיין שרייבן זעען מיר צמצום. אט דער צמצום פארוואנדלט אלץ אין קונסט.

70 יאר איז א וויכטיקער דאטום אין א מענטשנס לעבן, און עס דארף דערמאנט ווערן. איבערהויפט דארף מען דערמאנען די אריבער פיר צענדליק יאר פרוכטבארע ליטעראריש ארבעט, מיט וועלכע קעניג האט אריינגעשריבן איינע פון די שענסטע קאפיטלעך אין דער געשיכטע פונם היגן יידישן יישוב. דאס זענען געווען יארן פון גייסטיקער שפע. און וואס טיפער מיר דרינגען אריין אינם אידעען־קרייז פון לעא קעניג, אלץ טיפער ווארפט זיך אין די אויגן די פרישקייט און וויכטיקייט פון די פראבלעמען, וואס דער מחבר הייבט אין זיינע ווערק אויף.

ס׳איז נישט קיין שום ספק, אז לעא קעניג האט באמת פארדינט דעם צו געטיילטן כבוד צו זיין זיבעציק יאר־יובל, וואס די „פריינט פון יידיש לשון" האבן לעצטנס געפייערט צוזאם מיט זיין פיר צענדליק יאר ליטעראַרישע יצירה. ס׳איז באמת געווען א יום־טוב פאר די, וועלכע האבן ליב שיינע ליטעראַטור.

אגב, איז כדאי צו דערמאנען דעם שטילן, באשיידענעם מענטש מיט זיין איבערלייגטן יישוב הדעת, וועלכן מיר אלע האבן אזוי גוט געקענט פון זיינע קריטישע שטריכן איבער פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע דאס יידישע פאלק. ס׳איז גענוג צו דערמאנען זיינס אן עסיי, „דער קאמפראמיס", וואס איז דערשינען אינם זשורנאל „לשון און לעבן" אין אויגוסט, 1949. ער שרייבט:

„איך וויל איצטער רעדן — און מען מוז דעריבער רעדן — וועגן א קאמפראמיס, וואס וועט בלייבן קלאסיש אין דער נייסטער יידישער געשיכטע, אזוי כאראקטעריסטיש יידיש איז ער, אזא יידישן טעם האט ער . . . און נישט איין יידישן טעם, נאר אלע טעמים . . . א קאמפראמיס, וואס שמעקט מיט „כצפיחת בדבש" ממש. איך מיין דעם קאמפראמיס בנוגע א קאטעדרע פאר יידיש צו וועלכן אייניקע פון אונזערע אנגעזעענע און איינפלוסרייכע אינטעלעקטואלן אין ישראל האבן זיך דערקלערט: „א קאטעדרע פאר יידיש אינם ירושלימער אוניווערזיטעט; האבן זיי זיך דערקלערט. יא, אבער מיט דעם תנאי, אז ס׳זאל צו דער זעלבער צייט, גלייכצייטיק הייסט עס, פאראנשטאלטעט ווערן א קאטעדרע פאר שפאנישן זשארגאן" . . .

פאראן שרייבער, וואס דער עלעמענט פון זייער שאפן וואקסט אויס צו א קינסטלערישער אידעען־וועלט. ס׳איז דער אומאויפהערלעכער געראנגל פון א נייער אנטפלעקנדיקער פארם פאר א נייעם אינהאלט פון זייערווארט, וואס טראגט ממש מיט זיך דעם פלאם פון אנגעזאמלטער היץ; אן אינערלעכע גלוט שפארט ארויס פון די שורות און נאך מער פון צווישן די שורות!

קעניג באלאנגט צו די יחידי סגולה, וועלכע האבן מיטגעהאלפן שאפן נייע מעטאדן און פארמען פון שרייבן. קונסט, זאגט ער, איז תמיד געווען און איז דער אויסדרוק פון איבערלעבונגען. דער דיכטער מיט געפארמטע ווערטער, דער מאלער מיט פארבן, דער פלאסטיקער מיט פארמען. מען קריגט דאס געפיל, אז אויף די ליטעראַרישע ווערק פונם מחבר איז אויסגעהאמערט דער חותם פון זיין אינדיווידועלן, קינסטלערישן איך. זיינע סקיצן און נאוועלן פארנעמען אן עסטעטישן פלאץ אין דער ליטעראַטור און זענען אין א געוויסער מאס נײַ לויט זייער סטיל און פארם.

אויף אים קען מען זאגן, אז אין זיין נוסח פון שרייבן באלאנגט לעא קעניג צו די חכמי־אדעס, וואו דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים האט געלעבט און גייסטיק געווירקט, געפערלט און נעפארעמט יעדעס אות, וואס איז פון אים באטראכט געווארן ווי א ציגל צום גרויסן בנין פון דער יידישער שפראך און ליטעראַטור.

לעא קעניג איז געבוירן געווארן אין יאר 1889 אין מינסק. זיינע עלטערן האבן זיך באזעצט אין אדעס בעת ר׳איז נאך געווען גאנץ יונג. ער האט



באקומען די זעלבע דערציאונג, וואס אלע יידישע קינדער אין יענער צייט. ער האט אבער פארמאגט א שטארקן פארלאנג צו באשרייבן אלץ, וואס ר׳האט געזעען און געהערט, מיט א באזונדערן דראנג אויסצודריקן דאס איבערגעלעבטע — א דראנג, וועלכער האט זער פרי ביי אים דערוואכט ספעציעל צו פלאסטישער קונסט . . . זיין ערשטער דעמאלטיקער קונסט־לערער איז געווען דער בשעתו באקאנטער מאלער קישיניאווסקי; דער ערשטער אילוסטראטאר פון מענדעלע מוכר ספרים.

ער האט אבער, מחמת געוויסע סבות, באשלאסן צו פארן לערנען קונסט אין דער „בצלאל"־שולע, וואס האט זיך געגרינדעט אין ירושלים. ס׳איז באמת צו אונזער גליק וואס לעא קעניג האט אנגעהויבן שוין צו יענער פריער צייט צו שרייבן. און ווי ער גיט איבער האט י. ל. פרץ אפגעדרוקט זיינס א סקיצע אין דער טאג־צייטונג „דער וועג", וואו פרץ איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאקטאר.

מיט אייניקע יאר שפעטער איז ל. קעניג, ווי אלע אנדערע יידישע קינסטלער און שרייבער געקומען פון פאריז קיין לאנדאן, אין יאר 1914 ביים סאמע אנהויב פון דער גרויסער וועלט־שרפה; געמיינט די ערשטע וועלט־מלחמה. ס׳וואלט באמת געווען א זינד פון יידיש־לאנדאן, אז מען זאל נישט ווי עס איז דערמאנען קעניגס באזונדערן פארדינסט הן אלס פערזאן אין דער געזעלשאפט הן אלט שרייבער פאר דער אומדערמידלעכער הארעוואניע דורך די אלע שווערע, שטורמישע יארן כדי אנצוהאלטן א ברענענדיק ליטעראַריש ליכטל אין דער טונקלקייט פון יידיש־לאנדאן.

און באלד ביי זיין אנקום קיין לאנדאן האט קעניג ספעציעל געשריבן פאר דער טאג־צייטונג, „די צייט". ער איז אויך געווען אקטיוו אין אנדערע צייטונגען. די ליטעראַרישע תקופה האט זיך אין יידיש־לאנדאן אנגעהויבן מיטן דערשיינען פון דעם חודשלעכן קונסט־זשורנאל, „רענעסאנס", וואס איז ארויס אין יאנואר, 1920, ביז יוני, פון זעלבן יאר; סך־הכל זעקס זשורנאלן, וועלכע קעניג האט רעדאגירט.

א היפשע צייט איז אוועק, און ערשט אינם יאר 1946, מיטן דערשיינען פונם חודש־זשורנאל „לשון און לעבן", איז ל. קעניג געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער יארנלאנג אין דעם זשורנאל, וואו, חוץ זיינע סקיצן און עסייען, ס׳זענען אויך דערשינען א ריי קאפיטלעך פון זיין ראמאן, „שבעה" — א לעבנסגעשיכטע פון דעם פארשטארבענעם שלמה גאלדבלום, נאך וועמען די ניין זין און צוויי טעכטער זיצן שבעה. דער ראמאן איז אויך פארעפנטלעכט געווארן אין ענגליש.

לעא קעניג איז אויך דער מחבר פון אייניקע ווערטפולע ווערק, ווי „יידן־קינסטלער", א מאנאגראפיע איבער קאמיל פיסארא, דער מיטשאפער פונם דעמאלטיקן רעוואלוציאנערן אימפרעסיאניזם. „פאלק און ליטעראַטור", א בוך איבער פראבלעמען פון נאציאנאלן עסטעטישן פארנעם. „שרייבער און ווערק" — אן אינטערעסאנט בוך און מאנאגראפישע שילדערונג פון א ריי געשטאלטן

פון יידישע און נישט יידישע שרייבער און פערזענלעכקייטן ; זייער טיפ מענטש, זייערע באציאונגען און האנדלונגען אין דער שרייבער־משפחה.

נאטירלעך איז שווער צו געבן אין א באגריסונגס־ארטיקל א פאלקאמע אפשאצונג פון אזא פילזייטיקן שרייבער, ווי לעא קעניג, וועלכער איז אנערקענט אלס אויטאריטעט אין דער יידישער ליטעראטור.

אין אנערקענונג פון די אריבער פערציק יאר ליטעראַרישע און געזעל־שאפטלעכע ארבעט אין יידיש־לאנדאן און צו זיין 70 יאר־יובל, שיקן מיר אים מיט שמחה קיין ארץ ישראל אונזער הארציקסטע באגריסונג און ווינטשן אים מיט זיין פרוי אריכת־ימים, כדי פארצוזעצן זיין ליטעראַרישע ארבעט עד מאה ועשרים שנה!

## שמואל ווהייט

### איך אליין

איך אליין,
קאן ניט פארשטיין,
דעם לעבענס מיין.

עפעס וועקט,
עפעס שרעקט,
דער עפעס האט ניט באצוועקט.

געצוימט און שפאן,
קיין צייט פארהאן,
צונישט ווערט מיין פלאַן.

עס שלעפט דער שטראָם,
אין לעבענס תהום,
ווי אלט צערינט ווי שוים.

דער רונד ארום,
ווינקט מיר שטום,
אַ וועג שלענגעלט זיך קרום.

ניט דער היינט ניט דער מארגן,
שטילן מיינע זארגן,
אין וועלכע כ׳ווער דערווארגען.

מיין האפן,
ווערט אין ספיקות אנטלאפן,
ס׳האט צו מיר ניט געטראפן.

מישט זיך בלאט פאר בלאט,
אין לעבענס טראקטאט,
ביז ס׳מאכט אויף אייביק מיך מאַט.

## ש. טענענבוים

### „ספר משלי״

(אַ מיניאַטור)

איך האב געעפנט אין דעם נאך פינצטערן באגינען דאָס ווונדערלעכע „ספר משלי״. עס איז מיר ליכטיק געווארן אין די אויגן פון דער חכמה פון די סענטענצן. פון דער הארציקער ווארעמקייט פונם וואָרט. פון דעם ליבן פשטות פון לשון פון דער פאָלקסטומלעכקייט פון דער קעניגלעכער שורה. פון דער אינטימיטעט און דער דירעקטער ווענדונג פונם טאטן צו זיין זון... עס איז געווען אזא ווי מיין אייגענע טאטע וואָלט מיר געבן טויזנט־יאריקע אויסגעפרווטע עצות ווי אזוי זיך נוהג צו זיין אין לעבן...



## עלע זילבערג

### צו די וואלקענס

1

אויפן הימל,
פריי און מעכטיג.
טראָגן שווארצע
וואלקן זיך.
יאגן איינער,
נאך דעם צווייטן,
ווי אין שפיל
פאר שווינדן גיך.

2

וואָלקן! הימלישע
באַפליגעלט,
נעמט מיך מיט
אויף אייער גאַנג,
מיר איז די וועלט
שוין איבערדריסיג.
עס בײנקט נאך הימלען,
מיין פערלאנג.

3

נעמט מיך אויף,
און טראגט מיך ווייטער.
ווייט אוועק,
פון שטאט און גאס.
פון דאס לעבן,
פול מיט יאוש,
פון די מענשן,
פול מיט האס.

4

ברײנגט מיך נענטער
צו די הימלען,
צו די זון,
איר ווארימען שיין,
שלעפט ארויס מער,
פון די זומפען,
לאזט מיך דא
ניט, אונטערגיין.

### שטימונג

מיט בלעטער פאַרשפונען,
נאך דעם הילכיג געלעכטער,
פון די מיידלעך ביים ברונעם.

1

עס האט מיין הארץ
זיך פארבײנקט היינט,
נאך זאמדיגע וועגן,
נאך פארביקע לאנקעס,
מיט באהאלטענע שטעגן.
נאך הימלען צוגליטע
מיט גאלדענע שטראַלן,
נאך דעם שטילן געמורמל,
פון פארבארגענע קוואלן.

2

עס האט זיך פארבײנקט מיך,
נאך ליטווישע פעלדער,
נאך צעוואַקסענע בוימער,
און אוראלטע וועלדער,
נאך צווייגן צושפרייטע,

3

עס האט זיך פארוועלט מיך
צו זען די קליין שטעטלעך,
די ארעמע הייזלעך,
די הילצערנע בעטלעך,
די שמאלינקע געסלעך
מיט שטיינער ברוקירטע,
די נידריקע פענסטער,
מיט בלומען פארצירטע
צו הערן דעם קלאנג,
פון אידישע לידער,
צוריק זיך פאראײנען,
מיט שוועסטער און ברודער.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפּיע און טראדיציע

## די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים

### ג.

צוויי און פופציק יאר נאכן ערשטן חורבן, אדער לערך פינף הונדערט פינף און דרייסיק יאר פאר די קריסטליכע צייט רעכענונג, האט כורש מלך פרס, נאכן מנצח זיין דעם דעמאלטיקן הערשער פון בבל, דערלויבט די יידן פון גלות צוריק צו קערן אין זייער היימלאנד און אויפצובויען דעם בית המקדש. אין זיין דעקרעט האט כורש באפוילן, אז די ניט־יידישע איינוווינער פון די שטעדט און דערפער אין דער פרס ומדישער אימפעריע זאלן זאמלען זילבער, גאלד, ווערטזאכן און בהמות אויף הוצאות פאר זייערע ארימע יידישע שכנים אויפצוגיין קיין ירושלים, און זיי זאלן אויך מיטשיקן נדבות פאר דעם הויז פון אלמעכטיקן וואס וועט אויפגעבויעט ווערן אין ירושלים. א חוץ דעם האט כורש געגעבן אין דער האנט פון ששבצר, דער נשיא פון לאנד יהודה, די כלים פון גאלד און זילבער וועלכע נבוכדנצר מלך בבל האט צוגערויבט פון ירושלים און אריינגעשטעלט אין בבלשן טעמפל פון זיינע געטער. (עזרא א׳.)

מען דארף וויסן, אז געשיכטלעך איז די גאולה פון גלות בבל געווען א נאטירליכע געשעעניש, ניט א ניסימדיקע, ווייל להיפוך צו די פאליטישע סיסטעמען פון אשור און פון בבל — וואס האבן ארויפגעצווינגען זייער קולטור און רעליגיע אויף אונטער־טעניקע פעלקער, האט די פרס ומדישע אימפעריע געהאלפן יעדן פאלק אויפהאלטן זיין טראדיציאנעלע קולטור און רעליגיע. אין מגילת אסתר געפינט מען פארשריבן — „אל מדינה ומדינה ככתבה ואל עם ועם כלשונו״: צו יעדע מדינה אין איר שריפט און צו יעדן פאלק אין זיין שפראך זענען די דעקרעטן פון קעניג געשיקט געווארן. (אסתר א׳) און אויף די ליימענע צילענדערס און טאוולען, וואס מען האט אנטדעקט אונטער די חורבות פון נבוכדנצרס בבל, איז פארצייכענט, אז כורש מלך פרס האט צוריק געגעבן צו די באפרייטע פעלקער זייערע טעמפלען און זייערע געטער וואס די בבלשע מלכים האבן צוגערויבט. (ל. וו. קינג „א היסטאריע פון בבל״ ז. 284.)

עס איז א סברא, אז די טאלעראנץ קעגן פרעמדע קולטורן און רעליגיעס האט די פרס ומדישע אימפעריע איבערגענומען פון דער פריערדיקער מדישער רעגירונג. — ווען אסר־חדן מלך אשור איז, לערך הונדערט פינף און דרייסיק יאר פארן ערשטן חורבן, באפאלן דעם מלכות ישראל און האט פארטריבן די ישראלים אין גלות קיין מדי, (מלכים ב. י״ז) זענען די מדיער געווען פארטיילט אין זעקס לאנדווירטשאפטליכע שטאמען וואס האבן בארויבט און געמארדעט איינער דעם אנדערן. די ישראלים — ווייזט זיך ארויס — האבן געהאט א זער שטארקן ציוויליזאטארישן איינפלוס אויף זיי, ווייל קוים זענען פארגאנגען עטליכע יארן האבן די מדישע שטאמען זיך פאראייניקט אונטער א מלך, כדי צו פירן אן ערליכן און שלומדיקן לעבן. (הערעדאטוס „היסטאריע״ בוך 1, קאפ. 96־101) מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז ראשית כל



האבן די ישראלים געלערנט די מדיער, וואס תורת משה זאגט, אז דער יסוד פון מענטשלעכקייט איז — מען זאל טאלערירן גרים: איינוווינער פון לאנד וואס האבן אן אנדערע קולטור און רעליגיע. די לערע איז געווען די ערשטע נויטווענדיקייט פאר די ישראלם׳ס אייגענעם דערהאלט צווישן די מדיער, און די מדיער האבן די לערע גערן איבערגענומען מחמת זיי זעלבסט זענען געווען קרבנות פון אשור׳ס פאליטישן סיסטעם צו אסימילירן די אונטערטעניקע פעלקער. „סנחריב מלך אשור בלבל את כל האומות״: סנחריב מלך אשור האט צונויפגעמישט אלע נאציאנען. (ברכות כ״ח).

איבער הונדערט יאר האבן די פאראייניקטע מדישע שטאמען געקעמפט קעגן אשור׳ס העגעמאניע און זענען ניט בכח געווען צו באפרייען זיך פון איר, ביז זיי האבן זיך פארבינדן מיט בבל און לערך זעקס הונדערט און זעקס יאר פאר די קצ׳ר האט זיך זיי איינגעגעבן צו צעשטערן נינוה, די הויפט שטאדט פון אשור און זיך איינטיילן איר אימפעריע. (נחום ג׳) אבער מחמת די מדיער זענען געווען אידעאליסטן, זיי האבן געוואלט אויסרייניקן דעם מיטעלעם מזרח פון קולטורעלע און רעליגיעזע אונטערדריקונג, און בבל איז ניט בעסער געווען פון אשור, בבל האט געזוכט צו פארטרייבן פעלקער פון זייערע לענדער, כדי צו רויבן זייער האב און גוטס. (ירושלמי סוכה פ״ד ה״ג) איז פארשטייט זיך געווען פאראויסצוזען אז ווען מדי וועט זיך אנטוויקלן און ווערן מיליטעריש שטארקער וועט זי פארניכטן די בבלשע באצווינגער.

די נביאים ישעיה און ירמיה האבן דעריבער געוווסט, אז די טעג פון בבל זענען געציילטע, ישעיה האט נביאות געזאגט אויף בבל: „זע, איך דערוועק אויף איר די מדיער, וואס זילבער איז ביי זיי נישט חשב און גאלד ווילן זיי ניט, מיט פיילן פון זייערע בויגענס וועלן זיי דורכלעכערן די בייכער פון איר יוגענט... בבל די געוועלטיקערין איבער מלוכות, די שטאלצע פראכט פון די כשדים וועט ווערן ווי סדום און עמורה וואס דער אלמעכטיקער האט איבערגעקערט״. (ישעיה י״ג) און ירמיה האט נביאות געזאגט אויף בבל: „אויסגעווילט זענען געווארן די פעלקער, די מלכים פון מדי, אירע פירשטן, אירע גענעראלן און די ארמייען פון אלע לענדער וואס זי באהערשט. זיי וועלן אויפשטורמען איר לאנד אז עס וועט ציטערן, און מקוים וועט ווערן אויף בבל דאס וואס דער אלמעכטיקער האט געטראכט וועגן איר, צו מאכן איר א וויסטעניש ווו קיינער זאל ניט וווינען״. (ירמיה נ״א.)

אבער עס איז ניט גענוג געווען אז די נביאים זאלן פאראויסזאגן דעם גיכן אונטערגאנג פון בבל און דעם צוריקקער פון יידישן פאלק אין זיין היימלאנד. זיי האבן אויך געדארפט ווארענען די יידן פון גלות בבל, זיי זאלן פארלאזן דעם גלות ווען די גאולה וועט קומען און זיך ניט צוהערן צו דעם חכם דניאל, וואס וועט אויסחלומען אן אידעאלאגיע פון א לאנגען גלות. אפילו דער נביא ישעיה, דער טרייסטער, וואס איז געווען נאענט צו דער צייט פון דער גאולה און פאראויסגעזאגט, אז כורש וועט זיין דער משיח, האט געטרייסט די פארטריבענע מיט א גיכער גאולה, מיט „נחמו נחמו עמי״... און עס איז

אים ניט איינגעפאלן, אז דער חכם דניאל וועט אפוועגדן זיין נביאות, דניאל וועט זאגן אז דער משיח וועט זיין א הימלישער וועזן — „כבר אנש": ווי א מענטשנזון, (דניאל ז׳) ניט כורש. ערשט די נביאים חגי און זכריה, וואס זענען געווען אין דער צייט פון דניאל, האבן געשטראפט די יידן ווייל זיי ווילן בלייבן אין גלות. אבער דער גלות אין פרס ומדי איז געווען א באקוועמער האבן די יידן זיך צוגעהערט צו די חלומות פון דניאל און ניט צו די נביאות פון חגי און זכריה.

אונטער דער אנפירונג פון דעם בן דוד, זרובבל, און דעם כהן גדול, יהושע, האבן קנאפע פופציק טויזענט מענטשן פארלאזן דעם גלות. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען ארימע ארבעטער, וואס זייערע שכנים האבן זיי געגעבן אויף הוצאות — ווי כורש האט באפוילן, און דער רוב פון יידישן פאלק מיט די רייכע און געלערנטע זענען געבליבן אין פרס ומדי. ווען די צוריק געקערטע פון גלות האבן אנגעהויבן צו בויען דעם בית המקדש זענען געקומען צו זיי די איינגעבוירענע קאלאניסטן, וואס אסר־חדן האט באזעצט אין מלכות ישראל נאכן פארטרייבן די ישראלים קיין מדי, און האבן געוואלט זיין שותפים צום בית המקדש. די יידישע מנהיגים האבן אפגעווארפן דעם אנבאט פון די קאלאניסטן, ווייל די דערלויבעניש צו בויען דעם בית המקדש אין ירושלים האט כורש געגעבן צום יידישן פאלק, ניט צו אנדערע פעלקער. האבן די קאלאניסטן טעראריזירט די בויער און געדינגען אדוואקאטן אדער יועצים צו פועלן ביי דער רעגירונג אין פרס ומדי זי זאל צוריקציען איר דערלויבעניש צו בויען דעם בית המקדש. (עזרא ד׳) דערווייל איז אויסגעבראכן אן עקאנאמישער קריזיס אין דער פרס ומדישער אימפעריע, און אזוי ווי מענטשן האבן געזאגט אז די סיבה פון קריזיס איז, דאס וואס די יידישע בעל מלאכות זענען אוועק קיין ארץ ישראל האט כורש אפגעשטעלט די עמיגראציע. (שיר השירים רבה פ"ה־ד׳.)

דער פארבאט צו אימיגרירן קיין ארץ ישראל איז פון דניאל׳ן באטראכט געווארן אלץ א צייכן פון הימעל, אז ער האט ריכטיק אויסגעטייטשט זיינע חלומות. דאס איז קלאר צו־זען אין דער ווייטערדיקער ציטירונג פון זיין ספר: „דעם דריטן יאר פון כורש׳ן איז צו דניאל׳ן אנטפלעקט געווארן — אמת הדבר וצבא גדול — דער אמת פון די זאך אז עס וועט זיין א לאנגער גלות. דניאל האט דאס באגריפן און פארשטאנען די זעאונג... די נביאים חגי און זכריה זענען דעמאלט — זאגט ער — געווען מיט אים ביים טייך חדקל און האבן די זעאונג ניט געזען, נאר א גרויסע ציטערניש איז אויף זיי געפאלן, זענען זיי אנטלאפן זיך צו באהאלטן". (דניאל י׳, מגילה ג׳) מסתמא זענען חגי און זכריה אנטלאפן, ווייל זיי האבן באקעמפט די גלות אידעאלאגיע פון דניאל און מורא געהאט, מען וועט זיי באשטראפן וועגן זייער אגיטירן צו פארלאזן דעם גלות.

די לאגע פון ישוב איז, פארשטייט זיך, שלעכטער געווארן, פרישע מענטשן פון פרס ומדי האט מען ניט דערלויבט צו קומען, און זייערע שונאים די קאלאניסטן זענען געווארן שטארקער פון טאג צו טאג. די פרס ומדישע יידן האבן



געוווסט ווי שווער דער לעבן איז פון זייערע ברידער אין ארץ ישראל, אבער האלטענדיק אז זיי זענען אוואנטוריסטן, ווייל דניאל האט געזאגט אז די צייט פון דער גאולה איז נאך ניט געקומען, האבן זיי ניט געוואלט געבן קיין פאליטישע אדער פינאנסיעלע הילף צו דער אוואנטוריסטישער אונטערנעמונג. אזוי זענען פארלאפן פופצן יאר, אינצווישן איז כורש געשטארבן, ווי אויך זיין זון קאמביז און דריוש, דער ערשטער, איז געווארן מלך איבער דער פרס ומדישער אימפעריע.

לויט יוסף בן מתתיהו־פלאוויוס האט קאמביז אפגעשטעלט דאס בויען פון בית המקדש, און דריוש, דער ערשטער, זאל האבן געגעבן צו זיין לייבקנעכט זרובבל די דערלויבעניש ווייטער צו בויען. קסערקעס, דער זון פון דריוש, איז געווען דער ארתחשסתא מלך פרס וואס האט געשיקט עזרא הסופר און נחמיה קיין ירושלים, און דער אחשורוש פון מגילת אסתר איז געווען ארטאקסערקסעס, דער ערשטער. („די אלטע צייט פון יידישן פאלק" בוך 11, קאפ. א ביז 6) אבער ווען מען לייענט א דורך די קאפיטלעך זעט מען אז די געשיכטע פון פלאוויוס איז ניט קלאר און סתירה׳דיק. אחוץ דעם זאגט די יידישע מסורה, אז דער אחשוורוש פון מגילת אסתר האט אפגעשטעלט דאס בויען פון בית המקדש. (סדר עולם רבה פכ"ט, עזרא ד׳. סדר עולם זוטא פ"ז, שמות רבה פ"ט) מען מוז דעריבער אננעמען אז דריוש, דער צווייטער, דער זון פון אסתר און אחשורוש, האט געפינען דעם אלטן דעקרעט פון כורש מלך פרס אין אחמתא־עקבאטאנא, די פריערדיקע הויפט־שטאדט פון די מלכי פרס ומדי, און ער האט דערלויבט ווייטער צו בויען, ניט דריוש דער ערשטער. (עזרא ד׳) דער ערשטער דריוש זאל האבן, א דאנק דער אינטערוועניץ פון זיין פריינד זרובבל, אליין בטל געמאכט דעם פארבאט פון כורש מלך פרס צו אימיגרירן קיין ארץ ישראל. דער היסטארישער סדר שאפט א המשך אין דער געשיכטע און נעמט אוועק די כראנאלאגישע סתירות.

ווען דריוש דער ערשטער איז געווארן מלך, האט זרובבל, דער בן דוד און דער מנהיג פון ישוב אין ארץ ישראל, איבערגעלאזט די הנהגה פון ישוב אין די הענט פון יהושע כהן גדול און איז געגאנגען קיין פרס ומדי, כדי זיך משתדל זיין ביי זיין פריינד דריוש, ער זאל אראפנעמען דעם פארבאט פון אימיגראציע קיין ארץ ישראל. ווי עס ווייזט זיך ארויס, האט דריוש מבטל געווען די גזרה, ווייל די נביאים חגי און זכריה זענען ארויסגעקומען פון זייער באהעלטעניש און האבן ווידער אגיטירט, מען זאל קומען קיין ארץ ישראל און געבן נדבות פארן בנין בית המקדש. דער נבי חגי האט אין צווייטן יאר פון דריוש׳ן אנגעוויזן אויף דער אומזיניקער איינרעדעניש וועגן א יידישן וווילשטאנד אין פרס ומדי, ער האט געזאגט צו די פרס ומדישע יידן: „איר פארזייט א סך און עס וואקסט ווייניק, איר עסט און ווערט ניט זאט, איר טרינקט און בלייבט דורשטיק, איר קליידט זיך און האט ניט ווארעם און וואס איר פארדינט פאלט אריין אין א לעכערדיקן זאק"... (חגי א׳.)

דעם זעלבן יאר פון דריוש׳ס מלכות האבן דריי יידן פון בבל צוגעשיקט

א נדבה פארן בית המקדש, האט דאס געמאכט אזא רושם אויף דעם נביא זכריה, אז ער האט פון געשענקטן גאלד און זילבער געלאזט גיסן קרוינען, וועלכע יהושע כהן גדול זאל טראגן אין היכל צום אנדענקן פון די דריי מנדבים, כדי דאס זאל ביי אנדערע דערוועקן דעם חשק צו שיקן נדבות. (זכריה ו׳, מידות פ״ג מ״ה) און אין פירטן יאר פון דריוש זעענדיק, אז די דערווארטע הילף פון פרס ומדישן יידענטום קומט ניט, און די יידן פון ישוב זענען פארייאושט, זיי גלויבן ניט צו זיין בכח נאך לאנג אויסצוהאלטן דעם דרוק פון די קאלאניסטן, האט זכריה זיי דערמוטיקט מיט זיין נביאות: „אז עס וועלן נאך זיצן זקנים און זקנות אין די אלעען פון ירושלים, איטליכער מיט א שטעקן אין האנט פון טיפע עלטער. און די גאסן פון שטאדט וועלן זיין פול מיט שפילענדיקע יונגלעך און מיידלעך“. (זכריה ח׳) אזוי זענען פארגאנגען יארן פוןליידן און האפענונגען, זרובבל איז אבער ניט מער צוריק געקומען פון זיין מיסיע, ער איז געשטארבן אין פרס ומדי, און כדי דער ישוב אין ארץ ישראל זאל ניט דערהויבן ווערן צום גייסטיקן צענטער פון יידישן פאלק מיטן מאכן פון דעם יונגען מאן משולם, דעם זון פון זרובבל, א משיח, ווי דער נביא חגי האט נביאות געזאגט וועגן זרובבל׳ן... (די לעצטע ווערטער פון חגי ב׳) האבן די פרס ומדישע יידן באשטימט אז משולם זאל ווערן דער יידישער מלך איבער דעם גאנצן גלות יידענטום, ער זאל זיין דער ריש גלותא. (סדר עולם זוטא פ״ז.)

מיטן באשטימען משולם׳ן אלץ ריש גלותא איז דער מצב פון די יידן איז ארץ ישראל נאך מער פארערגערט געווארן. די אלטע יידישע שונאים, די קאלאניסטן זענען געווארן חוצפה׳דיקער און עפענטלעך אנגעפאלן אויף די בויער, ווייל עס איז ניט געווען קיין יידישער פארטרעטער פון דער רעגירונג וואס זאל זיי שטערן. די קאלאניסטן האבן אויך אויסגענוצט דאס, וואס איז ניט געווען קיין פארטיידיקטער פון די יידישע אינטערעסן, צו שיקן מסירות אויפן ישוב צום מלך פון פרס ומדי דורך דעם פחה: קאמיסאר פון דער רעגירונג אין לאנד. אין דער צייט פון קעניג קסערקעס — כשאווארשא אין פערסישן — א זון פון דריוש דעם ערשטן, זענען זייערע רכילות בריוו קעגן ישוב ניט גענומען געווארן אין אכט. אבער נאכן טויט פון קסערקעס, לערך פיר הונדערט פינף און זעכציק יאר פאר די קצ׳ר, איז זיין זון ארטאקסערקעס לאנגומאנוס — ארטאכשאטרא אין פערסישן — דער ארתחששתא פון ספר עזרא און דער אחשורוש פון מגילת אסתר געווארן מלך איבער די פרס ומדישע אימפעריע. ער האט אנגענומען די מסירה, וואס איז געקומען פון די קאלאניסטן דורך דעם דעמאלטיקן פחה רחום, און ער האט זיבעציק יאר נאך דער גאולה פון כורש׳ן אפגעשטעלט די אויפבוי ארבעט. (סדר עולם זוטא פ״ז.)

די פרס ומדישע יידן האבן וועגן אפשטעלן דעם בנין הארץ זיך ניט קריעה געריסן און אפילו ניט אויסגערופן א תענית. אומגעקערט זיי זענען צופרידן געווען וואס עס האט גענומען א סוף צו דער פאלשער משיח אוואנטורע, אבער ניט לאנג נאך דעם האבן זיי געלעבט זארגלאז איז דעם באקוועמען גלות.



דער זעלבער מלך אחשורוש האט ארויסגעגעבן א באפעל צו פארניכטן זיי, און ווען ניט אן אויסערגעוויינלעכער צופאל וואלט ניט איבערגעבליבן פון זיי מיט זייער ווילשטאנד קיין שריד ופליט. די געשיכטע פון מגילת אסתר ווייס יעדער ייד פון אויסוויינ יק, אבער כדי צו זען דעם המשך פון די היסטארישע געשעענישן פארצייכענט אין מגילת אסתר, איז נויטיק צו דערקלערן עטליכע ענינים אין ליכט פון דער יידישער מסורה און ניט יידישע געשיכטע שרייבער פון יענער צייט.

קסערקעס דער פאטער פון אחשורוש האט געוואלט איינגעמען גריכענלאנד, איז ער מיט א גרויסע ארמיי א דורכגעגאנגען טערקיי ביז צו די דארדאנעלן, האט געבויעט א בריק איבערן באספאר־פאס און איז אריין אין אייראפעישן וועלט טייל. אין דער זעלבער צייט זענען קריגס־שיפן פון אלע פעלקער, וואס האבן אנגעהערט צו דער פרס ומדישער אימפעריע, געשווימען צו גריכענלאנד. די מלחמה האט זיך אנגעהויבן מיט א קאמף צווישן די פרס ומדישע און גריכישע קריגס שיפן ביי דער גריכישער אינזעל סאלאמיס, און דער אויסקום פון דער ים שלאכט איז געווען א שענדלעכע מפלה פאר פרס ומדי, די גריכישע שיפן האבן צעשמעטערט די פרס ומדישע הגם זייער צאל איז געווען פינף פאכיק ווי די גריכישע. די סיבה פון דעם אויסערגעוויינליכן גריכישן נצחון האט מען צוגעשריבן צו דעם, וואס אלע גריכישע פעלקער האבן גערעדט גריכיש און אין פרס ומדי האט יעדעס פאלק גערעדט זיין אייגענע שפראך. (העראדאטוס „היסטאריע“ בוך 8, קאפ. 1 ביז 100.)

מען דארף וויסן, דער געזעץ וועגן פרייהייט פון קולטור און רעליגיע איז אויסגעטייטשט געווארן אין פרס ומדי, אז א פרוי, פון אן אנדער פאלק ווי איר מאן האט געהאט די רעכט צו לערנען אירע קינדער רעדן דעם לשון פון איר פאלק. דאס האט געפירט דערצו, אז אגרויסער טייל מאטראזן האבן ניט פארשטאנען די באפעלן פון זייער קאפיטאן, אפילו ווען זיי זענען געווען פון זעלבן פאלק. נאכן פארלירן די ים שלאכט האט זיך קסערקעס מיטן גרעסטן טייל פון דער ארמיי צוריק געצויגן פון אייראפע, איבערלאזענדיק אין די הענט פון א גענעראל דעם רעשט פון די סאלדאטן כדי צו פארהיטן די צוריק ציענדיקע ארמיי פון אנפאלן אין רוקן. ווען קסערקעס איז א היים געקומען האט אויסגעבראכן א רעוואלוציע קעגן דער איבערגעטריבענער פרייהייט פון די פרויען אין פרס ומדי. אין דער רעוואלוציע איז קסערקעס און דער קרוינפרינץ דאריוס געהרגט געווארן פון צוויי לייב קנעכט, זיי האבן אויך געוואלט אומברענגען דעם צווייטן זון פון קסערקעס, וואס זיין נאמען איז געווען — ארטאכשאטרא, אין דער פערסישער שפראך, ארתחששתא אין ספר עזרא, ארטאקסערקעס אין גריכיש, און אחשורוש אין מגילת אסתר, אבער ער איז ניצול געווארן דורך איינעם פון זיינע פריינד.

דער געזעץ וועגן דער פרייהייט פון פרויען זיך אויסצולעבן אין דער קולטור און רעליגיע פון זייער אפשטאם איז ניט פארענדערט געווארן ווען אחשורוש איז געווארן מלך, ווייל אלע פעלקער פון דער אימפעריע האבן געזען

אין בטל מאכן דעם געזעץ א סכנה פאר זייער עקזיסטענץ. די קעגנער פון געזעץ, ניט זייענדיק בכח צו איבעררײדן דעם מלך, האבן דעריבער געווארט אויף א געשעעניש, וואס וועט צווינגען דעם מלך איינצופירן די פארענדערונג, און די געשעעניש איז פארגעקומען גיכער ווי זיי האבן גערעכנט. ווען דער מלך אחשורוש האט געמאכט א באל אין דריטן יאר פון זיין מלכות איז איינע פון די פארוויילונגען געווען א שיינהייטס קאנטעסט. האט אחשורוש געוואלט אז זיין פרוי די קעניגין ושתי זאל זיך באטייליקן אין קאנטעסט, כדי די פעלקער פון דער אימפעריע זאלן זען ווי שיין זי איז. זי האט אבער ניט געוואלט קומען ווייל עס איז געווען קעגן איר רעליגיע, האבן די קעגנער פון קולטורעלע און רעליגיעזע פרייהייט אונטער דער אנפירונג פון דעם געלערטן ממוכן געפועלט ביי אים ער זאל ארויסגעבן א דעקרעט, אז יעדער מאן איז בעל הבית אין זיין הויז און יעדער פון הויז מוז רעדן דעם לשון פון זיין פאלק. (מגילת אסתר א׳) אגב דארף מען אויך אנווייזן, אז לויט די גמרא איז ממוכן א פסעוודאנים פון המן, און תוספות ציטירט פון א מדרש אז ממוכן זאל זיין א פסעוודאנים פון דניאל, ווייל זיין ווייב איז געווען א פרינצעסין האט ער איר ניט געקאנט צווינגען צו רעדן זיין לשון... (מגילה י״ב און תוספות „ממוכן״.)

נאך דעם ווי דער מלך אחשורוש האט ארויסגעגעבן דעם דעקרעט קעגן די פרויען, איז פארשטייט זיך המנען לייכט אנגעקומען צו איבערצייגן דעם מלך אויף דער סכנה פון דעם „עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים״, וואס פארשפרייטן א פרעמדע קולטור און רעליגיע צווישן די פעלקער פון דער אימפעריע, אזוי ווי די פרויען האבן פריער געטוען. די גזרה צו פארניכטן איז ניט געווען געווענדעט קעגן דעם ישוב אין ארץ ישראל, ווייל די יידן פון ישוב האבן געהאט די רעכט זיך אויסצולעבן אין זייער קולטור און רעליגיע ווי יעדעס אנדערע פאלק. די גזרה איז געווען געווענדעט קעגן דעם „עם מפוזר ומפורד״: די יידן צעזייט און צעשפרייט אין דער פרס ומדישער אימ־פעריע, און זיי האט אסתר גערעטעט פון אומקום.

די לאגע פון פרס ומדישן יידענטום איז נאך דער געשעעניש פיל בעסער געווארן, מרדכי איז געווארן פרעמיער מיניסטער און האט געזען אז דער גלות זאל זיין נאך באקוועמער ווי פריער, „ורצוי לרוב אחיו״: ער איז באליבט געווען ביים גרעסטן טייל פון זיינע ברידער, אבער ניט ביי די יידן פון ישוב, פאר זיי האט ער גאר ניט געטוען. די הילף פאר זיי איז געקומען אין אן אנדערן אופן, די קאלאניסטן האבן זיי אויפגעהערט צו פייניקן, ווייל דער יונ־גער דור האט חתונה געהאט מיט די טעכטער פון די קאלאניסטן. די יידן האבן אויך ווידער אנגעהויבן בויען דעם בית המקדש און זיי זענען ניט געשטערט געווארן פון די קאלאניסטן, אליין די באאמטע זענען געקומען פרעגן ביי די בויער — ווער עס האט זיי דערלויבט צו בויען? אז זיי האבן געזאגט צו דעם פחה תתני — די דערלויבעניש איז פון דעם ערשטן כורש מלך פרס, האט ער אוועק געשיקט זייער ענטפער צום מלך און דערלויבט זיי ווייטער צו בויען ביז עס וועט באקומען א באשלוס פון מלך. (עזרא ה׳.)



אין יענער צייט איז שוין געווען מלך איבער דער פרס ומדישער אימפעריע דריוש דער צווייטער, א זון פון אסתר און אחשורוש, האבענדיק אין זיינע אדערן יידיש בלוט האט ער ניט גערועט ביז עס איז געפינען געווארן א קאפיע פון דעם דעקרעט, וועלכן כורש מלך פרס האט ארויסגעגעבן, אין דער ארכיוו פון דער אמאליקער הויפט שטאדט אחמתא. און מיט זיין פינאנסיעלע הילף איז דאס הויז פון אלמעכטיקן פארענדיקט געווארן דעם דריטן טאג אין חדש אדר אין זעקסטן יאר פון מלך דריוש, דער צווייטער, אדער הונדערט און אכצן יאר נאכן אנהויבן בויען.

ש. ווהייט

## שלח מנות

ל. ש. קרעדיטאר

נאך וואס זיך באהאלטן
אונטער יתרו׳ס נעמען,
איך קאן אייך פארזיכערן,
אז מיט אייער אייגענעם נאמען
איז זיך ניטא וואס צו שעמען.
איך וואלט בדלית געווארן,
אזוי פיל שלח־מנותן שיקען,
שיק איך א טעלער מאמרים
איר זאלט דעם עולם — מיט זיי קוויקן...

א. נ. שטענצעל

אַ המן טאש געפילט מיט באנקנאטען אָן צאָל,
ער זאל קענען די גאנצע חובות,
פון לשון און לעבן באצאלן, מיט איינמאל...

י. ריכטיגער

אַ ש״ס, פוסקים און יורה־דעה
אויף דעם ריכטיגען רמז פון א קמיע
א שולחן־ערוך, מיט אלע דינים,
אַראַמיש גריכישע לעקסיקאנען
ער זאל באריכות שרייבן קאנען.
פארן פאלק, אין אויך פאר מבינים...

סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד

א גרויסן פאק בילעטן פאר — וועלט טורן,
זיי זאלן אפילו קענען נאך די לבנה פארפארן,
קאנצערטען איבעראל געבן פיל מיט הומאר און לעבן,
אין פון דער רייזע א גרויסע זשמענאָ אפשפארן.

**שמואל וההייטן**

דעם אמת ריכטיגען חלק,
א הארטען ביין ניט קיין ביילי‌ק,
ער זאל האבן וואס צו קייען.
(ס׳זאל פאר פאמאכעטן אויך שוין סטייען!)
טאקע פאר זיין הומאר אין סאַטירע,
וואס ברעקעלט זיך ווי מצה־שמורה.

**י. ליסקי**

אַ טויזנט מעצענאטן,
וואס זאלן פאַרשטיין,
אז מ׳טאָר „די אידישע שטימע“
ניט לאזן אינטערגיין.

**משה דאמב**

פאר שמעלקען, דעם סאַדאוניק, א נייעם טשיפיק.
אויך אַ פוד מאכארקע און שטארקן טיטן.
אז דינהלע זאל ניט ברויכן נאָכן טאַבעק ריח בענקען —
אין קעלצער צוג, וואס גייט נאך ווארשע, ביז ווין...

**א. מ. קייזער**

א פיינעם המן־טאַש מיט אזויפיל מאָהן,
ווי די בעלנים וואס ווילן זיך ארויפכאַפּן,
אויף זיין זשורנאליסטישן קייזערליכן טראהן.
אויך אגליטשיגע פעדער מיט טינט אַ סך,
ער זאל מיט איר הומארעסקעס שרייבן,
וואס שפּרודלען מיט אזא הארציגן לאַך.

**דעם יידישן טעאטער**

א פאק א גרויסן מיט פיעסן,
ס׳זאָל זיין וואס צו זעהן אין הערן,
אזעלכע כאטש, ווי „שווער צו זיין אַ ייד“,
און אויך בלאנדזשענדע שטערן“.

## די ישראל פרעסע איבער סימאן אסיוועצקי

איבער דעם באַקאַנטן אַקטיאָר סימאָן אָסאָוויצקי, אונטערס ווענמעס רעזשי די חברים־גרופּע אין גרענד־פּאַלעי־טעאַטער האָט מיט גרויס דערפאָלג אויפ־געפירט „די צוויי קונע לעמל“, פון אברהם גאָלדפאַדן, שרייבט די יידישע ישראל פרעסע:

„שמעון אָסאָוויצקי איז ווי געבוירן פאַרן פאָלקס־ליד; ער פאַרמאָגט די נויטיקע שטים, האָט זין פאַר מאָדעלאציע, ער פאַרשטייט גוט דעם כאַראַקטער



פון פאָלקס־מאָטיוו און ער האָט ליב דעם פאָלקס מאָטיוו — „די לעצטע נייעס“.

„שמעון אָסטראָווסקי, וועלכער באַזוכט אַלע ישובים אין לאַנד ווערט זייער וואַרעם אויפגענומען אין זיינע אויפטריטן ווערן אומעטום פערוואַנדלט אין מאַניפעסטאַציעס פארן יידישן פאָלקס ליד און יידישע קולטור“. — ניי לעבן.

ווי אַ סטאַר איצט אינם גרענד־פּאַלעי־טעאַטער האָבן מיר די מעגלעכקייט געהאַט צו הערן דעם פיינעם־געשולטן זינגער און צו זען דעם טאַלענטירטן אַקטיאָר וועלכער האָט סיי מיט זיין קינסטלערישן פיינעם און חזנישן זינגען און הן מיט זיין בינע־טאַלענט שטאַרק מיטגעריסן דעם עולם.

פון דאָ, נאָכן ענדיקן זיין אַנגעדזשמעט אין גרענד־פּאָלעי, פאָרט דער קונסטלער סימאָן אָסיוויצקי אָפּ אויף אַ טור קיין דרום־אפריקע.

**בן תמיר**

**ש. קילשטיין**

### וואס שטייסטו (טולוזער מאטיוון)

מורמלט סודות מיר, גאראנע,
ווען פארחלומט איך אנקום,
ויגט די זון אין אירע קנייטשן,
עמעץ זינגט אין איר געברום:

„וואס שטייסטו אויף ברעג עס פארגליווערט,
רונדיק דער הימל פארשטעלט דיר דיין בליק,
קען מיטלויפן א פאר מיילן
און בלאנדזשען קען, אהין און צוריק —

זילבער־שפּיגלען, קוק, צעבראכן!
כ׳קען דעם הימל ניט פארוויגן;
לעמפלאך טונקלען בלויע נעכט,
די שטאט פארטויבט מיין אלטן ניגון...

קוק! ווי אויך לבנה, א פארשעמטע,
זיך פארהילט מיט דינעם שלייער,
און מיר לויפן ביידע „ראפּטאם“,
דו און איך — צוויי אייביקע גייער!

נעבן מיר, אמאל שוין יידן,
האבן אויסגעטרוימט, ווי דו; געזאנג,
געבליבן בלויז נאר באנג און טרויער,
גאר נישטא שוין, עט פון לאנג“.

און גאראנע לויפט און לויפט,
די זון פארשלעפּט שוין אין די ווייטן;
צווישן ברעגס, אויסגעהוילטע,
א נאכט א בלויע קומט צו רייטן...

# אַנטאָן טשעכאָוו

## ראָטשילדס פידעלע *

עס איז געווען אַ קליין שטעטעלע — נישט בעסער ווי אַ דאָרף — און באַוואוינט איז עס געווען כמעט אין גאַנצן פון אַלטע לייט, וואָס זענען אַזוי זעלטן געשטאָרבן אַז ס׳איז פשוט געווען פאַרדריסלעך. סאַי אין שפּיטאָל סאַי אין דער תּפיסה האָט מען זייער זעלטן געדאַרפט האָבן אַ טרומנע. מיט איין וואָרט, געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט. אויב יאַקאָוו איוואַנאָוו וואָלט געווען דער טרומנע־מאַכער אין דער גובערניע־שטאָט, וואָלט ער מסתמא געהאַט אַן אייגן הויז, און זיך גערופן יאַקאָוו מאַטוועיעוויטש; אָבער אין די אומשטענדן איז ער געווען באַקאַנט בלויז מיטן נאָמען יאַקאָוו, מיט דעם צונאָמען „בראָנזאַ“, וואָס דאָס געסל האָט אים געגעבן צוליב אומבאַקאַנטע טעמים; און ער האָט געלעבט אַזוי אָרום ווי אַן איינפאַכער מוזשיק אין אַ קליינער אַלטער כאַטע מיט בלויז איין שטוב; און אין דער שטוב האָט ער געלעבט, מאַרפאַ, די הרובע, אַ בעט פאַר צוויי, די טרומנעס, אַ סטאָליערס ווערקשטעל, און אַלע איבעריקע כלים פון שטוב.

נאָר יאַקאָוו פלעגט מאַכן טרומנעס באמת צו באַוואונדערן, דויערהאַפטע און גוטע. פאַר מוזשיקעס און קרעמערס האָט ער זיי געמאַכט פון איין און דער זעלביקער גרייס, נעמענדיק זיך אַליין פאַראַ מאָס; און די אַרט האָט אים תּמיד געדינט, ווייל הגם ער איז שוין אַלט געווען זיבעציק יאָר, האָט זיך אין שטעטל נישט געפונען קיין העכערער אָדער דיקערער פון אים, אפילו נישט אין דער תּפיסה. פאַר פרויען אָבער און פאַר פּאָמיעשטשיקעס האָט ער געמאַכט טרומנעס לויט זייער ריכטיקער מאָס, באַנוצנדיק דערביי אַן אייזערנע אַרשין. באַשטעלונגען אויף טרומנעס פאַר קינדער פלעגט ער נישט גערן אָננעמען, ווי מיט פאַראַכטונג, און ביים באַצאָלן אים פאַר זיין אַרבעט פלעגט ער תּמיד אויסרופן:

— אַ דאַנק! נאָר כ׳מוז מיך מודה זיין, אַז קלייניקייטן אינטערעסירן מיך קנאַפּ!

אַ חוץ פון מאַכן טרומנעס האָט יאַקאָוו געהאַט נאָך אַ קליינע הכנסה פון שפּילן אויף אַ פידעלע. אויף חתונות אין שטעטל פלעגט געוויינטלעך שפּילן אַ יידישע קאַפּעליע, וואָס איר דיריגענט איז געווען דער בלעכער משה שכנאָס, וועלכער פלעגט נעמען אַ העלפט פונם געלט פאַר זיך אַליין. אַזוי ווי יאַקאָוו האָט זייער גוט געשפּילט פידל, און זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט רוסישע לידער, פלעגט משה שכנאָס אים טיילמאָל אַריינגעמען אין דער קאַפּעליע, צאָלנדיק אים אַ האַלבן רובל פאַרן טאָג אַחוץ וואָס די געסט האָבן אים געגעבן טרינק־געלט. בראָנזאַ פלעגט שטאַרק שוויצן, זיצנדיק צווישן די כלי־זמרים, און דאָס פּנים פלעגט אים ווערן רויט; די היץ איז תּמיד געווען גרויס, און דער

* צום 100׳סטן געבוירן־יאָר פונם גרויסן רוסישן שרייבער דרוקן מיר, אין אַ נייער איבערזעצונג, זיין באַרימטע דערציילונג.



ריח פון קנאָבל האָט אים געשטיקט; דאָס פידעלע האָט געוויינט, ביים רעכטן אויער האָט אים געשנאָרכט דער קאָנטרבאַס, ביים לינקן אויער האָט געקלאָגט די פלייט, געשפּילט פון אַ מאָגער, רויט־האָריק יידל מיט אַ גאַנץ געוועב פון רויטע און בלאָע אָדערן אויפן פּנים, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן פאַמיליען־נאָמען ווי דער באַרימטער מיליאָנער — ראָטשילד. און אַפילו די פריילעכסטע מעלאָדיעס זענען ביי דעם ייד אַרויסגעקומען טרויעריק. ביסלעכווייז, אָן אַ ממשותדיקער סבה, האָט יאַקאָוו זיך אָנגעפילט מיט שנאה און פאַראַכטונג צו יידן, און בעיקר צו ראָטשילדן; אָנגעהויבן האָט ער מיט אויפרייצן יענעם, דערנאָך אים געשאָלטן, און איינמאָל אַפילו אים געוואָלט שלאָגן; נאָר ראָטשילד האָט זיך געגעבן אַ צינד־אָן און קוקנדיק אויף אים מיט כעס אַ זאָג געטון:

— ווען כ׳האָב נישט קיין רעספּעקט פאַר דיין טאַלענט, וואָלט איך דיך געגעבן אַ וואָרף אַרויס דורכן פענסטער!

דערנאָך האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. צוליב דעם האָט מען בראָנזאַן בלויז זעלטן אָנגאַזשירט אין דער קאַפּעליע, און נאָר ווען מ׳האָט זיך אָן אים נישט געקאָנט באַגיין ווען אַ יידישער כלי־זמר האָט אויסגעפעלט.

יאַקאָוו איז זעלטן געווען אין אַ גוטער שטימונג, תּמיד האָט אים גובר געווען אַ געפיל פון זיינע הזיקות. למשל, זונטאָג און אין די הייליקן טעג איז עס געווען אַ חטא צו אַרבעטן, מאָנטאָג פלעגט זיין אַ לאַנגווייליקער טאָג — און אַזוי ווייטער; אַזוי אַז אַן ערך צוויי הונדערט טעג אין יאָר איז אים אויסגעקומען צו זיצן ליידיק. דאָס איז געווען איין הזיק! האָט עמיצער אין שטעטל חתונה געהאַט אָן מוזיק, אָדער אויב משה שכנאָס האָט אים נישט אָנגעזשירט, דאָס איז געווען אַ צווייטער הזיק. צוויי יאָר איז דער פּריסטאַוו געלעגן קראַנק, און יאַקאָוו האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין טויט, נאָר צום סוף האָט דער פּריסטאַוו זיך אַריבערגעפּעקלט אין דער גובערניעשטאָט אַריין זיך קורירן, וואו ס׳איז אים ערגער געוואָרן און ער איז געשטאָרבן. דאָ איז ווידער געווען אַ הזיק, מינדעסטנס פון צען קערבלעך, ווייל דעם פּריסטאַווס וואָלט געווען אַ טייערע טרומנע אויסגעלייגט מיט בראָקאַט. דאָס דאָזיקע טרויעריקע געפיל איבער זיינע הזיקות פלעגט יאַקאָוון געוויינלעך באַפאַלן ביינאַכט; ליגנדיק אין בעט מיטן פידעלע ביי דער זייט און דער קאָפּ פול מיט מחשבות, פלעגט ער אָנעמ טון דעם סמיטשיק, און דאָס פידעלע פלעגט דעמאָלט אַרויסגעבן פון זיך אַ סמוטנעם קלאַנג, פון וועלכן יאַקאָוון פלעגט ווערן בעסער..

פאַראַיאָרן, דעם 6׳טן מאַי, איז מאַרפאַ פּלוצלונג קראַנק געוואָרן קוים וואָס זי האָט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט געטרונקען אַסך וואַסער און געפאַלן פון די פיס. דאָך האָט זי צומאָרגנס אין דער פרי געמאַכט פייער און דער הרובע, און אַפילו געגאַנגען ברענגען וואַסער. פאַרנאַכט האָט זי זיך אַנידערגעלייגט. דעם גאַנצן טאָג האָט יאַקאָוו געשפּילט אויף זיין פידעלע, און ווען ס׳איז געוואָרן פינסטער האָט ער גענומען דאָס ביכל און וועלכן ער האָט יעדן טאָג פאַרשריבן זיינע הזיקות, און נישט האָבנדיק עפּעס בעסער צו טון האָט ער גענומען מאַכן אַ סך־הכול. ס׳האָט באַטראָפן אַריבער טויזנט רובל. דער בלויזער געדאַנק פון

אַזאַ גרויסן פֿאַרלוסט האָט אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד, אַז ער האָט דאָס ביכל אַ וואָרף געטון צו דער ערד און געטרעטן דערויף מיט די פֿיס. דערנאָך האָט ער עס אויפֿגעהויבן, אַ קנאַק געטון מיט די פֿינגער און שווער אָפּגעזיפֿצט. דאָס פּנים איז אים געווען רויט און נאַס פֿון שווייס. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וויפֿל צינז טויזנט רובל וואָלטן אים אַריינגעברענגט. יערלעך אויב ער וואָלט זיי געהאַט ליגן דער באַנק, מינדעסטנס פֿערציק רובל אַ יאָר. דאָס הייסט, אַז די פֿערציק רובל זענען געווען אַ ווייטערדיקער הזיק. מיט איין וואָרט, וואו איר זאָלט אייך נישט קערן און ווענדן איז אומעטום נאָר הזיק און הזיק, און קיין שום ריווח נישט.

— יאַקאָוו, — האָט מאַרפֿאַ נישט־דערוואָרט אַ קרעכץ געטון, — איך שטאַרב.

ער האָט אַ בליק געטון אויף זיין ווייב. ס׳פּנים איז איר געווען רויט פֿון היץ און אומגעוווענלעך קלאָר און פֿריידיק; און בראָנזאַ, וואָס איז געווען געוואוינט זי צו זעען בלייך, אָנגעשראָקן און טרויעריק, האָט נישט געוואוסט וואָס צו קלערן. ס׳האָט אויסגעזעען ווי זי שטאַרבט ווירקלעך און פֿילט זיך גליקלעך צו פֿאַרלאָזן אויף אייביק די כאַטע, די טרומנעס און יאַקאָוון. און איצט האָט זי געהאַלטן איין אין קוקן אויפֿן באַלקן און די ליפּן אירע האָבן עפּעס געציטערט, ווי זי וואָלט דערזעען דעם טויט איר באַפֿרייער, און געשעפּטשעט צו אים.

דער פֿרימאָרגן איז געקומען: דורכן פֿענסטער האָט מען געקענט זעען ווי די זון שיינט אויף. קוקנדיק אויף זיין אַלט ווייב, האָט יאַקאָוו זיך עפּעס דער־מאנט, אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זי קיינמאל נישט געצערטלט, איר קיינמאָל קיין גלעט נישט געגעבן, איר נישט אַרויסגעוויזן קיין מיטלייד, קיינמאָל אים נישט איינגעפֿאַלן איר צו קויפֿן אַ פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, קיינמאָל איר נישט אַהיימגעברענגט קיין געשמאַקן ביסן פֿון אַ חתונה, נאָר תּמיד אויף איר געשריגן, זי געזידלט פֿאַר זיינע הזיקות, און זי באַפֿאַלן מיט זיינע פֿויסטן. אמת, ער האָט זי נישט געשלאָגן, אָבער אָפּטמאָל אָנגעוואָרפֿן אויף איר אַ פּחד, אַז די נשמה איז איר שיער נישט אַרויס. יאָ, ער האָט איר אַפֿילו פֿאַרבאָטן צו טרינקען טיי, ווייל זיינע הזיקות אָן דעם זענען אויך שוין געווען גענוג גרויס; פֿלעגט זי שוין תּמיד טרינקען הייס וואַסער. און איצט, אָנהויבנדיק משיג צו זיין פֿאַר־וואָס זי האָט אַזאַ מאָדנע, שטראַלנדיק פּנים, האָט ער זיך געפֿילט אומבאַקוועם.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך האָט ער זיך געבאָרגט אַפֿורל ביים שכן, און אַוועקגעפֿירט מאַרפֿאַן אין שפּיטאָל אַריין. ס׳זענען דאָרט נישט געווען קיין סך פּאַציענטן, און אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן בלויז דריי שעה. צו זיין פֿרייד האָט אים אויפֿגענומען נישט דער דאָקטאָר, נאָר דער פֿעלדשער, מאַקסים ניקאָלייאיטש, וואָס האָט געהאַט דעם שם, אַז כאָטש ער שיכורט און קריגט זיך, ווייסט ער אַסך בעסער ווי דער דאָקטאָר.

— אַ גוט געזונט זאָלט איר האָבן! — האָט יאַקאָוו געזאָגט, אַריינפֿירנדיק די זקנה אין אַמבולאַטאָריום אַריין. — זייט מיר מוחל, מאַקסים ניקאָלייאיטש,



וואָס איך באַמי אייך מיט מיינע פּוסטע ענינים. אָבער איר קענט דאָך אַליין זעען, אַז מיין אָביעקט איז קראַנק. די באַגלייטערין פֿון מיין לעבן, אַזוי צו זאָגן אַנטשולדיקט דעם אויסדרוק...

פֿאַרציענדיק מיט די ברעמען און אויסגלעטנדיק זיך די וואָנסעס, האָט דער פֿעלדשער גענומען באַטראַכטן די אַלטע פֿרוי, וועלכע איז געזעסן אויף אַ בענקל, איינגעבויגן, איינגעדאַרט, שאַרף־נאָזיק און מיט אַן אָפֿן מויל, אַזוי, אַז זי האָט אויסגעזעען ווי אַ פֿייגעלע ביים טרינקען.

— יאָ... — האָט דער פֿעלצשער געזאָגט געלאַסן, און אַ זיפֿץ געטון. — אינפֿלוענציע מיט אַביסל פֿיבער. ס׳הערשט איצט דער טיפֿוס אין שטאָט... וואָס קען איך טון? זי איז אַ זקנה, געלויבט איז גאָט... ווי אַלט?

— ניין און זעכציק, מאַקסים ניקאָלאַאיטש.

— אַן אַלטע פֿרוי. ס׳איז שוין די העכסטע צייט פֿאַר איר.

— אוודאי, איר זענט זיכער גערעכט, — האָט יאַקאָוו געשמייכלט העפֿלעך. — און איך בין אייך אויפֿריכטיק דאַנקבאַר פֿאַר אייער גוטסקייט, נאָר דער־לויבט מיר איין באַמערקונג: אַפֿילו אַ וואָרעם וויל דאָך אויך לעבן.

דער פֿעלדשער האָט געענטפֿערט מיט אַ טאָן ווי דאָס לעבן און דער טויט וואָלטן געווען אָפּהענגיק פֿון אים אַליין. — כ׳וועל אייך זאָגן וואָס איר האָט צו טון, מיין פֿריינט. לייגט איר אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפֿן קאָפּ, און גיט איר דעם פּראָשיק צוויי מאָל אַ טאָג. און גייט אייך לשלום.

פֿונם אויסדרוק אויפֿן פֿעלדשערס פּנים האָט יאַקאָוו געקענט זעען, אַז ס׳איז אַ בייז מסחר, און קיין שום פּראָשיק וועט איר העלפֿן. אויך איז אים געווען קלאָר, אַז מיט מאַרפֿאַן האַלט עס שוין צו ווייט און זי גייט זיכער שטאַר־בן, אויב נישט היינט איז מאָרגן. ער האָט אַ ריר געטון דעם פֿעלדשער אויפֿן אָרעם, געבלינצלט מיט די אויגן און שעפּטשענדיק געזאָגט,

— יאָ, מאַקסים ניקאָלאַאיטש, אָבער איר וועט איר לאָזן בלוט.

— נישטאָ קיין צייט, נישטאָ קיין צייט, מיין פֿריינט. נעמט אייער אַל־טיטשקע, און זאָל אייך גאָט בענטשן!

— טוט מיר די טובה! — האָט יאַקאָוו זיך געבעטן. — איר קענט דאָך זעען אַז אויב דער מאָגן בלויז וואָלט ביי איר נישט געווען אין אָרדנונג, אָדער עפּעס אַן אַנדער אבר, וואָלט אַ פּראָשיק געהאָלפֿן. זי האָט אָבער געכאַפּט אַ פֿאַרקילונג. אין פֿאַלן פֿון פֿאַרקילונג דאַרף מען דאָך דעם חולה קודם כּל בלוט לאָזן.

נאָר דער פֿעלדשער האָט שוין געהאַט גערופֿן דעם נעכסטן פּאַציענט, און ס׳איז אַריינגעקומען אַ פּויערטע מיט אַ קינד.

— גייט אייך! — האָט ער ברוגז אַ זאָג געטון צו יאַקאָוון.

— מינדעסטנס שטעלט איר פּיאַווקעס. איך וועל אייביק בעטן גאָט פֿאַר אייך.

דער פֿעלדשער איז אַריין אין כּעס און האָט אַ געשריי געטון,

— נישט קיין וואָרט מער!

יאַקאָוו איז אויך אַריין אין כעס, ווערנדיק בלאָ אויפן פנים, נאָר ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט. האָט גענומען מאַרפאַן אונטערן אָרעם און זי אַרויסגעפירט פון צימער. ווי נאָר זיי זענען אַרויף אויפן פורל, האָט ער בייז און פאַראַכטנדיק געבליקט אויפן שפיטאָל און געזאָגט,

— וואָס פאַר אַן אַקטיאָר! רייכע לייט וועט ער לאָזן בלוט, אָבער אַן אָרומאַן פאַרגינט ער נישט אַפילו אַ פיאַווקע. הורדוס!

געקומען אַהיים און אַריין אין דער כאַטע, איז מאַרפאַ געבליבן שטיין אַ ווײַלע ביי דער הרובע. מורא געהאַט טאָמער ליגט זי זיך אַנידער וועט יאַקאָוו זיך אָנהויבן בייזערן איבער זיינע שאָדונות, און זי זידלען פאַרן לייגן זיך אין בעט אַריין און נישט טון קיין שום אַרבעט. און יאַקאָוו האָט אויף איר געקוקט מיט אַזאַ מידקייט ביי אים אויף דער נשמה און זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן איז דער טאָג פון יוחנן המטביל, און איבערמאָרגן דער טאָג פון ניקאָליי דעם בעל־נס, און דערנאָך איז זונטאָג, און דערנאָך ווידער איז מאָנטאָג, — נאָך אַ ליידיקער טאָג. אין די פיר טאָג קען מען גאָרנישט טון, און מארפא וועט מסתמא שטאַרבן אין איינעם פון די פיר טעג. מוז מען זשע נאָך היינט מאַכן איר טרומנע. ער האָט גענומען די אייזערנע אַרשין, איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און איר גענומען די מאָס. דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעלייגט, און יאַקאָוו האָט זיך געקרייצט, אָנהויבנדיק די אַרבעט.

ווען די טרומנע איז שוין געווען פערטיק, האָט בראָנזאַ זיך אָנגעטון די ברילן און איינגעשריבן אין ביכל פון זיינע הזיקות,

— מאַרפאַ איוואַנאָוונאַס טרומנע — צוויי רובל מיט פערציק קאָפּיקעס.

ער האָט טיף אָפגעזיפצט. די גאַנצע צייט איז מאַרפאַ געלעגן שטיל מיט די אויגן פאַרמאַכט. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי צוגערופן דעם מאַן צו זיך,

— געדענקסט, יאַקאָוו? — האָט זי אים פריינטלעך געפרעגט. — געדענקסט, מיט פופציק יאָר צוריק האָט גאָט אונז געשענקט אַ קינד מיט געלע האָר. דו און איך פלעגן יעדן טאָג זיצן ביים סטאַוו... אונטער דער ווערבע... און געזונגען לידער. — און מיט אַ ביטער געלעכטער ווייטער געזאָגט — דאָס קינד איז געשטאָרבן.

— הוילע פאַנטאַזיעס, — האָט יאַקאָוו אָפגעענטפערט.

שפעטער איז געקומען דער גלח, האָט איר געמאַכט דעם סאַקראַמענט און די זאַלבונג. מאַרפאַ האָט גענומען פרעפלען עפעס אומפאַרשטענדלעכעס, און פאַרטאָג געשטאָרבן.

די אַלטע שכנות האָבן זי אָפגעוואַשן, איינגעוויקלט אין אַ ליילעך און אויסגעלייגט. כדי זיך איינצושפּאָרן דעם דיאַקאָנס לוין, האָט יאַקאָוו אַליין געזאָגט די קאַפּיטלעך תהלים; און האָט זיך אויך איינגעשפּאָרט צו באַצאָלן דעם קברן, ווייל יענער איז גראָד געווען זיין טויף־פּאָטער. פיר פויערים האָבן געטראָגן די טרומנע בחינם, מחמת רעספּעקט פאַר דער געשטאָרבענער. הינטער דער טרומנע זענען נאָכגעגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע אַלטע פרויען, בעטלערס, און



צוויי קאַליקעס. די פויערים אויפן וועג האָבן זיך פרום געקרייצט. און יאַקאָוו איז געווען העכסט צו פרידן וואָס אַלץ איז אַדורכגעפירט געוואָרן בכבוד, אין אָרדנונג, און ביליק, אָן חרפה פאַר קיינעם. ווען ער האָט זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיט מאַרפאַן, האָט ער מיט די פינגער אַ קלאַפּ געטון אויף דער טרומנע, טראַכטנדיק בשעת מעשה — „אַן אויסגעצייכנט שטיקל אַרבעט“.

נאָר אויפן וועג פון בית־הקברות האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ביטערע מידקייט. ער האָט זיך געפילט נישט גוט, האָט פיבערהאַפט און שווער געאָטעמט, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס. משונה מאָדנע מחשבות זענען אים געקומען אויפן זינען. ער האָט זיך אויפסניי דערמאָנט ווי ער האָט איר קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין מיטגעפיל, זי קיינמאָל נישט געצערטלט. די צוויי און פופציק יאָר וואָס זיי האָבן אָפּגעלעבט אין איין און דערזעלביקער כאַטע האָבן זיך געצויגן צוריק אין דער אייביקייט אַריין, נאָר אין משך פון דער לאַנגער צייט האָט ער זי קיינמאָל אין זינען נישט געהאַט, קיינמאל נישט אַכטונג געגעבן אויף איר, נאָר זי באַהאַנדלט ווי זי וואָלט געווען אַ קאַץ אָדער אַ הונט. דאָך האָט זי יעדן טאָג געמאַכט פייער אין דער הרובע, געקאָכט און געבאַקן, וואַסער געטראָגן, האָלץ געהאַקט, געשלאָפן מיט אים אין זעלביקן בעט; און ווען ר׳איז אַהיימגעקומען שיכור פון אַ חתונה, פלעגט זי מיט אַ יראת־הכבוד נעמען דאָס פידעלע און עס אויפהענגען אויף דער וואַנט, און אים לייגן אין בעט אַריין — אַלץ אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, מיט אַ דאגהדיקן אויסדרוק אויפן פנים. און איצט האָט ער געפילט, אַז ער וואָלט געקענט איר אַרויסווייזן מיטלייד און אַפילו קויפן אַ מתנה, נאָר ס׳איז שוין צו שפעט...

יאַקאָוון אַנטקייגן איז געקומען שמייכלענדיק און פאַרנייגנדיק זיך ראָטשילד.

— כ׳האָב אייך געזוכט, פעטערל, — האָט ער געזאָגט. — משה בעט אייך גלייך אַריבערצוקומען צו אים.

יאַקאָוון האָט זיך געוואָלט וויינען.

— פאַשאָלוואָן, — האָט ער אַגעשריי געטון און זיך געגאַנגען ווייטער זיין וועג.

— איר קענט דאָך דאָס נישט מיינען, — האָט ראָטשילד אויסגערופן, נאָכלויפנדיק אים. — משה וועט זיך פילן באַליידיקט. ער דאַרף אייך איצט נויטיק האָבן.

דער אופן וויאַזוי דער ייד האָט געסאָפּעט און געבלינצט, און די מאַסע רויטע פרישטשיקלעך זיינע האָבן אַרויסגערופן אַ ווידערווילן ביי יאַקאָוון. עס האָט אים אויך געעקלט יענעמס גרינע קאַפּאָטע מיט די שוואַרצע לאַטעס און די שוואַכע, קליינע פיגור.

— קנאָבל, וואָס לויפסטו מיר נאָך? — האָט ער געשריגן. — הולך!

דער ייד איז אויך געוואָרן בייז, און גענומען שרייען,

— אויב איר׳ט נישט אַכטונג געבן צו זיין אַביסל העפלעכער, וועל איך אייך אַ שליידער טון איבערן פּלויט.

— אַוועק פון מיינע אויגן! — האָט יאַקאָוו נאָך העכער געשריגן, וואַרפנדיק זיך אויף אים מיט די קולאַקעס. — אַוועק פון מיינע אויגן, מפיל־קינד, אַנישט וועל איך אַרויסקלאַפּן די נשמה פון דיין פאַרשאָלטענעם גוף! איך האָב נישט קיין שום שלום מיט זשידעס.

ראָטשילד איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט פון פחד. האָט זיך אַנידערגעלאָזט אויף דער ערד און געוואָרפן מיט די הענט איבערן קאָפּ, ווי זיך צו שיצן פון קלעפּ, און דערנאָך זיך געגעבן אַ שטעל אויף און גענומען אַנטלויפן. לויפנדיק האָט ער כסדר אונטערגעשפּרונגען און געוואָרפן מיט די הענט, און מען האָט באַשיינפּערלעך געקאָנט זען דאָס ציטערן פון זיין לאַנגן, פליישלאָזן חוט־השדרה. די קינדער אויף דער גאַס האָבן געהאַט גרויס הנאה פון דעם אינצידענט, און זענען אים נאָכגעלאָפן, שרייענדיק, „זשיד, זשיד!" די הינט זענען נאָכגעלאָפן און הויך געבילט. עמיצער האָט גענומען לאַכן, אַן אַנדערער — פּייפן, און די הינט האָבן געבילט אַלץ העכער און העכער. מסתמא האָט אַ הונט אים אַ ביס געטון, ווייל ס'האָט זיך דערהערט אַ קראַנקהאַפּט, מאוימדיק וויינען.

יאַקאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען די לאַנקע ביז הינטער דעם שטעטל; און די קינדער האָבן אים נאָכגעשריגן, „בראַנזאַ! בראַנזאַ!" פייגעלעך זענען אים פאַרבייגעפלויגן מיט אַ שאַרפן סווישטש, און קאַטשקעס האָבן געקוואַקעט. די זון האָט געבאַקן, דאָס וואַסער האָט געפינקלט, אַז ס'האָט וויי געטון צו קוקן. יאַקאָוו איז געגאַנגען לענגאויס דער סטעזשקע ביים טייך און נאָכגעקוקט אַ דיקער רויט־פנימדיקער פרוי ווי זי קומט אַרויס פון וואַסער. נישט ווייט פון דאָרטן איז געזעסן אַ גרופּע קינדער און געכאַפּט ראַקעס. דערזעענדיק אים, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן אים נאָכשרייען, „בראַנזאַ! בראַנזאַ!" אין יענער רגע איז אויסגעוואַקסן פאַר אים אַ דיקע, אַלטע ווערבע מיט אַ הוילקייט אין דער מיט און מיט אַ נעסט פון קראָען פון אויבן... און פּלוצלונג האָט די דעראינערונג אויפגעוואַכט אין יאַקאָווס מחשבה פון דעם קינד מיט די געלע האָר פון וועמען מאַרפאַ האָט גערעדט... יאָ, ס'איז געווען די זעלבע ווערבע, גרין, שטיל און סמוטנע... ווי זי האָט זיך דאָס געעלטערט נעבעך!

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן צו דערמאָנען. אויף יענער זייט, וואו ס'האָט זיך איצט געפונען אַן איבערגעשוועמטע לאַנקע, איז דעמאָלט געשטאַנען אַ גרויסער בעריאָזאָווער וואַלד, און ווייטער אַ הינצוצו, וואו אַ נאַקעט בערגל גלימערט איצט, איז געווען אַן אַלטער וואַלד פון סאָסנע־ביימער. אַהין און אַהער אויפן טייך זענען געפאָרן באַרקעס. נאָר איצט איז אַלץ פלאַך און גלאַטיק; אויף יענער זייט שטייט בלויז איין בעריאָזע, יונג און שלאַנק, ווי אַ יונג מיידל; און אויפן טייך — בלויז גענז און קאַטשקעס וואו באַרקעס פלעגן אַמאָל פאָרן. מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי פון דעמאָלט אָן זענען אַפילו די גענז קלענער געוואָרן. יאַקאָוו האָט פאַרמאַכט די אויגן, און אין דער פאַנטאַזיע געזען אַ גרויסע סטאַדע ווייסע גענז קומען צו פליען צו אים.

ער האָט אָנגעהויבן זיך צו וואונדערן פאַרוואָס אין משך פון די לעצטע



פערציק־פופציק יאָר פון זיין לעבן ער איז קיינמאָל נישט געקומען צום טייך, אָדער אויב יאָ, פאַרוואָס ער האָט עס נישט באַמערקט. ס'איז דאָך אַ גאַנץ בכבודער טייך, און בשום אופן נישט צו פאַראַכטן; מען וואָלט געקענט כאַפּן פיש, און פאַרקויפן די פיש צו די הענדלער, טשינאָווניקעס און אין רעסטאָראַן ביים וואָקזאַל, און ס'געלט וואָלט מען געקאָנט אַריינלייגן אין דער באַנק; ער וואָלט זיך געקענט דאָ שיפן פון איין פריציש הויז צום צווייטן און שפילן אויף זיין פידעלע, און יעדער איינער וואָלט אים געגעבן געלט; ער וואָלט אפשר אויך געפונען אַרבעט אויף אַ באַרקע — וואָס וואָלט זיכער זיך געלוינט בעסער ווי מאַכן טרומנעס; ער וואָלט געקענט האַלטן גענז, זיי קוילענען און שיקן קיין מאָסקווע אין ווינטער — פון די בלויזע פעדערן וואָלט ער מסתמא געהאַט צען רובל אַ יאָר. אָבער ער האָט פאַרגענעצט דאָס גאַנצע לעבן מיט גאָרנישט. וואָס פאַר אַ שאָדן! אַך, וואָס פאַר אַ שאָדן! און ווען ער וואָלט געטון די אַלע זאַכן — געכאַפּט פיש, געשפּילט אויפן פידעלע, געאַרבעט אויף אַ באַרקע, און געהאַלטן גענז — ווי גרויס די סומע וואָס ער וואָלט איצט געהאַט! נאָר אים האָט זיך אַפילו קיינמאָל נישט געחלומט פון די זאַכן; דאָס לעבן איז פאַרביי אָן פאַרדינסטן, אָן צופרידנקייט; אַלץ איז פאַרביי אומבאַמערקט; ס'איז גאָרנישט פאַר אים איבערגעבליבן. קוק הינטער דיר — גאָרנישט אַחוץ הזיק, אַזאַ הזיק וואָס קילט דיר אָפּ די געבליטן. און פאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט קענען לעבן אָן אַזעלכע הזיקות? פאַרוואָס האָט מען אונטערגעהאַקט סאַי דעם בעריאָזאָוון וואַלד און סאַי דעם סאָסנאָוון וואַלד? פאַרוואָס נוצט קיינער נישט די לאַנקע? פאַרוואָס טון מענטשן גראָד וואָס זיי דאַרפן נישט טון? פאַרוואָס האָט ער ס'גאַנצע לעבן געשריגן, געברומט, געביילט די פויסטן, באַליידיקט זיין ווייב? פאַרוואָס, למשל, האָט ער אָנגעשראָקן און באַליידיקט דעם ייד? פאַרוואָס טאַקע שטערט איינער דעם אַנדערן צו לעבן בשלום? דאָס זענען בלויזע הזיקות! שרעקלעכע הזיקות! ווען נישט שנאה און בייזוויליקייט וואָלטן מענטשן דאָך געהאַט אומשעצבאַרע רווחים איינער פונם אַנדערן.

יענעם אָוונט און יענע נאַכט האָבן אין יאַקאָווס מחשבה געבלישטשעט די בעריאָזע, די פיש, די טויטע גענז, מאַרפאַ מיט איר פּראָפיל ווי פון אַ פויגל ביים טרינקען, דאָס בלאַסע, רחמנותדיקע פנים ראָטשילדס, און די מחנה פייגעלעך וואַרפנדיק זיך פונם חושך אַרויס און טשוויטשענדיק וועגן הזיק. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און פינף מאָל אין דער נאַכט איז ער אויפגעשטאַנען און געשפּילט אויפן פידעלע.

אין דער פרי איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אָנגענומען אַ כח צו גיין אין שפּיטאָל אַריין. דער זעלבער מאַקסים ניקאָלייאיטש האָט אים געהייסן זיך מאַכן קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, און נעמען אַ פּראָשיק; און פונם אויסדרוק אויף יענעמס פנים ווי פון זיין טאָן האָט יאַקאָוו איינגעזעען, אַז עס איז אַ שלעכט געשעפט, און אַז קיין שום פּראָשיק וועט אים שוין נישט העלפן. נאָר אויפן וועג אַהיים איז אים איינגעפאַלן, אַז פונם טויט וועט מינדעסטנס זיין איין ריווח; ער וועט מער נישט דאַרפן עסן, טרינקען, צאָלן שטייערן, און אַפילו נישט טון

קיינעם קיין שאָדן; און אַזוי ווי אַ מענטש ליגט אין קבר נישט איין יאָר, נאָר הונדערטער און טויזנטער יאָרן, איז דער ריווח אומגעהויער גרויס. בקיצור, בלויז דעם מענטשנס לעבן איז אַ היזק, זיין טויט איז ממש אַ ריווח. הגם אַ גאַנץ ריכטיקער יישוב־הדעת, איז עס אָבער געווען ביטער און באַליידיקנדיק; וואָרום בעת דעם מענטשן ווערט געגעבן דאָס לעבן בלויז איינמאָל, פאַרוואָס זאָל עס פאַרבייגיין אָן אַ ריווח?

ער האָט נישט באַדויערט זיין שטאַרבן, נאָר ווי ער איז אַהיימגעקומען און באַמערקט זיין פידעלע איז אים דאָס האַרץ אַנטפאַלן, און ער האָט זיך געפילט טרויעריק. דאָס פידעלע קען ער דאָך נישט מיטנעמען אין קבר אַריין; עס וועט מוזן בלייבן פאַריתומט, און עס וועט האָבן דעם זעלבן גורל וואָס די בעריאָזעס און די סאָסנעס. אַלץ אויף דער וועלט ווערט פאַרוויאַנעט, און וועט פאַרוויאַנען! יאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך אַנידער־געזעצט אויף דער פריזבע, דריקנדיק זיין פידעלע צום אַקסל. נאָך אַלץ טראַכטנדיק פונם לעבן, הגם ס׳איז פול מיט וויאַנען און היזק, האָט ער אנגעהויבן צו שפילן, און בשעת דער ניגון איז געפלאָסן וויינענדיק און רירנדיק, זענען אים טרערן געפלאָסן פון די אויגן איבער די באַקן. און וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ טרויעריקער איז געוואָרן דאָס געזאַנג פונם פידעלע.

צוויי מאָל האָט די קלאַמקע אַ סקריפע געטון, און ביים אַריינגאַנג האָט ראָטשילד זיך באַוויזן. די ערשטע העלפט פונם הויפל איז ער אַריבערגעגאַנגען גאַנץ זיכער, נאָר ווי ר׳האָט דערזעען יאַקאָוון, איז ער געבליבן שטיין, איז ווי איינגעשרומפן, און באַשיינפערלעך פון מורא אָנגעהויבן מאַכן צייכנס ווי ר׳וואָלט יענעם זאָגן ווי שפעט עס איז מיט די פינגער.

— קום אַהער, האָב נישט קיין מורא — האָט יאַקאָוו אים פריינטלעך צוגערופן. — קום!

מיסטרויאיש און מיט מורא האָט ראָטשילד זיך דערנענטערט און געבליבן שטיין צוויי איילן פונדערווייטנס.

— שלאָגט מיך נישט, יאַקאָוו, ס׳איז נישט מיין שולד! — האָט ער געזאָגט, פאַרנייגנדיק זיך. — משה האָט מיך נאָכאַמאָל געשיקט צו אייך: „האָב נישט קיין מורא!“ האָט ער מיר געזאָגט, „גיי, זאָג יאַקאָוון נאָכאַמאָל, אַז מיר קענען זיך נישט באַגיין אָן אים“. די חתונה איז מיטוואָך. שאַפּאָוואַלאָווס טאָכטער טוט אַ רייכן שידוך... ס׳וועט זיין אַ פערוויי גילדע חתונה, — האָט דער ייד צוגע־געבן, בלינצלענדיק מיט אַן אויג.

— כ׳קען נישט גיין, — האָט יאַקאָוו געענטפערט כאָרכלענדיק. — כ׳בין קראַנק, ברודער.

און ווידער האָט ער אַ נעם געטון דעם סמיטשיק, און די טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן און געפאַלן אויפן פידעלע. ראָטשילד האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, שטייענדיק ביי דער זייט מיט ביידער אָרעמס פאַרלייגט אויף דער ברוסט. דער מיסטרויאישער, אָנגעשראָקענער אויסדרוק אויף זיין פנים האָט זיך ביסלעכווייז פאַרענדערט אויף אַן אויסדרוק פון צער און



מיטגעפיל. ער האָט פאַרגלייזט מיט די אויגן ווי אין אַן עקסטאַז פון יסורים, און התלהבותדיק אַ זאָג געטון „וואַך־ד־ד!“ און די טרערן האָבן פּאַמעלעך גענומען זיך קייקלען ביי אים איבער די באַקן און געמאַכט קליינע שוואַרצע לאַטעס אויף זיין גרינער קאַפּאָטע.

אַ גאַנצן טאָג איז יאַקאָוו געלעגן אין בעט און זיך געזאָרגט. מיטן אָוונט איז געקומען דער גלח און בשעתן מתוודה זיין האָט דער גלח אים געפרעגט צי ער האָט עפּעס אַ ספּעציעלע זינד אויף וועלכער זיך מתוודה־צו־זיין; און יאַקאָוו האָט אָנגעשטרענגט זיין זכרון, און דערמאָנענדיק זיך מאַרפאַס אומ־גליקלעך פנים, און דעם יידס פאַרצווייפלטן געשריי ווען דער הונט האָט אים געביסן, האָט ער געזאָגט מיט אַ קול וואָס מ׳האָט קוים געקאָנט הערן.

— גיט דאָס פידעלע ראָטשילדן.

און איצט פרעגט יעדער איינער אין שטעטל: פונוואַנען נעמט זיך צו ראָט־שילדן אַזאַ אויסגעצייכנט פידעלע? האָט ער עס געקויפט צי געגנבעט?... אָדער האָט מען עס איבערגעלאָזט ביי אים פאַר אַ משכון? לאַנג שוין ווי ער שפילט מער נישט אויף דער פלייט, נאָר שפילט איצט בלויז אויפן פידעלע. פון אונטערן סמיטשיק קומען ביי אים אַרויס די זעלבע סמוטנע טענער ווי פריער אויף דער פלייט; אָבער ווען ער נעמט איבערחזרן דעם ניגון, וועלכן יאַקאָוו האָט געשפילט זיצנדיק אויף דער פריזבע, גיט דאָס פידעלע אַרויס אַזעלכע ליידנשאַפטלעך — סמוטנע און טרויעריקע טענער, אַז די צוהערער הויבן אָן צו וויינען; און ער אַליין פאַרגלייזט מיט די אויגן און טוט התלהבות־דיק אַ זאָג „וואַך־ד־ד!“... נאָר דער נייער ניגון געפעלט אַזוי אַלעמען אין שטעטל, אַז רייכע סוחרים און טשינאָווניקעס פאַרפעלן קיינמאָל נישט צו אַנגאַזשירן ראָטשילדן אויף זייערע שמחות, און פאַרלאַנגען פון אים צו שפילן דעם ניגון אַזש צען מאָל.

ייִדיש, א. אלמוג.

## א. נ. שטענצל

צום בוך „ווייטשעפל“

### די באלאדע פון דר. ראדריגא לאפעץ

1

צום פעלז צוגעשליידערטע שיף, צווישן די „ניי־קריסטן“,
איז אויך די מאַיעסטעטישע דאָנאַ גראַציאַ געווען;
מיט איר שיינקייט ס׳איז די גאַנצע שטאָט באַלד פול געוואָרן,
ווער פאַר איר דעם קאָפּ נישט גענייגט האָט, ווען זי דערזען.

צווישן די באַוווּנדערער, צווישן די צען־טויזנטער,
דער אַקטיאָר, דער באַרימטער שעקספיר, דער גרויסער פּאָעט,
זיין גין־גאָלדן קול, אַ קלויסטער־גלעקל, מאַכט אַלע שטיל:
„אַ קעניגרייך, פאַר די קרוינינג־קאָטש פון עליזאַבעט!“

2

די קעניגין עליזאַבעט נישט אויסהאַלטן געקענט,
נישט אַזוי די שיינקייט פון דאָנאַ גראַציאַ, ווי איר שטאָלץ;
ביז צו דער טיר האָט זי באַגלייט זי,ביים געזעגענען,
זיך פאַרנייגט, „טאַטש וווד״, אָנרירנדיק דעם צלם פון האַלץ.

„ראָדריגאָ״, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו איר לייב־דאָקטאָר:
„איז עס ביי זיי עכט, אָדער בלויז געמאַכט און איינגערעדט?
ביזט דו נישט איינער פון זיי?״ לאָפּעץ האָט זיך טיף געבוקט,
אויפכאַפּנדיק שפּיציקן בליק פון דער עליזאַבעט.

3

ניין, ס׳איז נישט רעליגיע... קיין געהיימע אימפּעריע־פּלענער...
איר פּאָרטרעט זי פּאָרט לאָזן מאָלן פון מייסטער רעמבראַנד...
שמייכלדיק האָט זי זיך צוריקגעצויגן אין איר צימער
נישט דערלאַנגענדיק אים, דר. לאָפּעץ, צום קוש די האַנט.

אין יענער נאַכט האָט זי אונטערגעשריבן דעם אורטייל,
„אפילו אז ס׳איז אַ בילבול״, האָט זי צו זיך גערעדט,
דריקנדיק שטאָלץ צום קלאַפּנדיקן האַרץ דעם צלם פון האָלץ:
„איך בין נאָך אַלץ קעניגין פון ענגלאַנד, עליזאַבעט״.

4

דער צעדער־האָלץ־געשניצטער צלם, דער שטאָלץ פון פּאַלאַץ,
פון מאָנאַרך צו מאָנאַרך גייט ער איבער, פון דור צו דור,
די מתנה פון מאָנאַרך פּאָול דע סאַנטאַ מאַריאַ;
איז ער נישט געווען דער רבי שלמה הלוי גאָר?

ס׳איז דער זיידע אירער זיין טויף פּאָטער געווען!
מיט דעם קרוציפיקס אין האַנט בייכט זי איר מינדסטן חטא;
וואָלט ער נאָר, דער ראָדריגאָ, בעגנאַדיגונג געבעטן!...
זי איז די קעניגין פון ענגלאַנד, די עליזאַבעט.

5

אין אַלע קירכעס האָבן די גלעקער שווער געקלינגען,
ווען מען האָט דעם דר. ראָדריגאָ לאָפּעץ אויפגעהענגט;
אַן אָפּגעשלאָסענע אין איר צימער, די קעניגין,
דער האָלץ־צלם ציטערט אין איר האַנט, איר קאָפּ געזענקט.

אין יענער נאַכט צום גרויסן אַקטיאָר, צום פּאָעט שעקספּיר,
איילט פלינק אָפּגעריטן אַ קעניגלעכער שטאַפעט,
אים געברענגט מיט זיין שטיק„ דער קויפמאַן פון ווענעדיק״,
לוסטיק פאָרצושפּילן פאַר קעניגין עליזאַבעט.



6

האָט מען זיך דאָס צעלאַכט, ווילד־צעלאָזן, אין יענער נאַכט,
איבער אַ יידן שיילאָק, אין דעם מאַיעסטעטישן הויז;
„שענער פון די דאָנא גראַציאַ, די יעסיקאַ געמאַכט!״
פון איר „ראָל״, די קעניגין, אינגאַנצן שיר נישט אַרויס...

בלויז, ווען אָנגעהויבן: „אַז מען שניידט אונז, רינט אונזער בלוט״,
עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין אַ מת, אַ סקעלעט,
„ראָדריגע!״ און דער צלם נעמט הילצערן ציטערן,
אין די מאַיעסטעטישע הענט פון די עליזאַבעט.

## דער אוואַנטוריסט סימאָן דע געלדערן

אַן אַראַביש בלוט־פערד, אַן אינדישן טאַרבוש,
אַלץ וואָס פון זיין מזרח־אַוואַנטורע מיטגעברענגט;
אַנטלויפנדיק איצט, קוים צייט געהאַט, בלויז נאָך געדענקט,
דעם טאַרבוש אין קעשענע אַריינצושטעקן,
פלינק אַ ויברח־ווו, נישט צו ווערן אויפגעהענגט.

איין האָר נאָך, און ער וואָלט געוויגט זיך אויף שטריקל!
שמייכלט ער, שוין אויף צווייטער זייט פון ריין־בריקל:
דאָס מאָל געלוינט, געווען אַ גלאַט־כשר שטיקל,
זי אַ לייכט יאַלעווקעלע, ער אַ ווילד ביקל.

לויפן צו די וואַן געלדערנס, נאָך אַמסטערדאַם?
די „ריטערס״ וועלן אים נאָכיאָגן, נעמען רעוואַנזש!
ער וועט אַריבער דאָס מאָל דעם שטורמישן לאַמאַנזש,
די קונץ פון לעבן איז נישט צו דענקן — קוראַזש!
דאָס ערשטע בעסטע וואָס ווייזט זיך — ווער ס׳וואַגט האָט אַ טשאַנס!

אַזוי איז ער אין לאָנדאָן פון דער שיף אַראָפּ:
די שוואַרצע וואָנס געשפּיצט, דעם טאַרבוש אויפן קאָפּ,
מיט אַ גענגל, אַ פאַרשטייט־טאַנצנדיקס: האָפּ, האָפּ,
זיך צוזינגענדיק מיט שלשלתדיקן טראָפּ.

ניין, נישט מיט די „חוטן״ ווער ער האָבן צו טון,
קאַפּעלושן־אויפקויפער גאַנץ אשכנז קאָקלע־קהל!
נישט מיט די קמצנישע „ספרדים־כשר״ צומאָל.
ווער ער איז? ער איז אַ פּרינץ פון הודו ביז כוש!
יאָ, איבער אַ קוש געמוזט דאָך אַנטלויפן דאָס מאָל.

און ווו און ווי מען זעט אים נישט אַלץ, און מיט וועם:
אָט רייט ער מיט דעם לאָרד, אויף אַ בריטשקע מיט דעם;

אַ דיליזשאַן מיט אַ קעניגלעכער עמבלעם,
אונטערן אָרעם אַ פּרינצעס אין אַ דיאַדעם.

אַ גאַנצן האַרעם מוז ער האָבן ערגעץ ווו,
וואַרים תמיד אַן אַנדערע אין אָרעם ער האָט!
שוין שפּאַצירט דער בישאָף מיט אים ביי דער טעמז, און אָט
שטייט ער גאָר מיטן חכם אויף דער טאוער־בריק,
אַ צעאַמפּערטער, ווי אין אַ מסחר — איבער גאָט:

ער איז אַ ייִד, אויף הר־המוריה געווען:
די שיך אויסגעטון, אין די זאָקן איך געגען,
די גאָט־גרויסע משיח־וויזיע דאָרט דעמלט דערזען,
ער ווייסט געניו דעם טאָג, די שעה, ווען ס'וועט געשען.

פּונקט ווי אין מעיפּער, אין די ליכטיקע לוסטהייזער,
דעקאַמערון ער דעקלאַמירט, לאַטיין, מיט ראַזמאַך,
אַזוי בעל־פּה, מיטן טראָפּ לשון קודש, דעם תנ"ך,
אין די מאַטראָזן־פּאַבס אין פינסטערע דאָקס —
אָ, ווי מען קען די הענט צעפּירן אין אַזאַ כרך!

וואָס זיין סוף געווען? מסתם אַ מאוסער פּראָצעס,
אָדער גאָר דערשטאָכן פון אַזאַ מין פּרינצעס,
אפשר אין זכות פון זיין וויזיע, צי על פּי נס,
דאָך צו קבר־ישראל געקומען — — ווער ווייסט עס?

## שמחה בעקער

די שיפן וואָס פּעסער מיט הערינג אַוועקגעפירט,
האָבן זיי אַהערגעברענגט דאָ פולע געפּאַקטע,
אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען, פון קאָזאַקן.
אָ, ווען נישט שמחה בעקער שטאָט אין שטאָט אַרום,
אַרויסגעפירט דאָ דאָס ברויט וואָס אָנגעבאַקן.

אויף די נאַסע באָרטן, אין די קאַלטע ווינטן,
אין נעפּל אויסגעווייקט, אין בלאָטעס און ווילגאָטש,
זיינען זיי דאָ טויט־פאַרהונגערטע געלעגן,
ווי די אויסגעלייגטע הרוגים אין שטעטלעך,
ווי די פּליטים אַוועקגעפאַלענע אויף די וועגן.

די לאַבנס ברויט אָקאָרשט פון אויוון אַרויס,
קאָרענע, שוואַרץ־ראַזאָווע, נאָר צום אויפפּלאַצן,
אויוונס ברויט גאַנצע גאַסן צו באַשמעקן,
אויפגעגאַנגענע ווי מעובתרע לייבער,
טויטע שוין צוריק צום לעבן אויפצוועקן.



דאָס היימישע הייליקע, דאָס שוואַרץ־ערדיקע,
אויף די קני וואַרעם־פאַרעדיק אויפצוברעכן,
מיט שבתדיקן מוציא־מעסער צו שניידן — —
מיט געזאַנג ר'איז אויפגעגאַנגען דער גערוך דאָ,
דער בזעת־אפּיכדיקער טעם גן־עדן.

אָ, ווען נישט שמחה בעקער אויף זיין ברויט־וואָגן,
די אַלטע דעמלט, די שוואַכע, די קינדערלעך,
אַהיימגענומען זיך וואַרעמען ביים אויוון,
צי וואָלטן מיר דען אַצינדער דאָ געפינען,
אַן אייגענע וואַרעמע היים צווישן קרובים?

## די באלאדע פונם פּרעזידענטס אתרוג פּישקעלע

אַ שול אין לאָנדאָן, די פּרוכתער, דאָס זילבער,
די סיגנעטן, די דיוועסקעס איבער די וועסטן,
די לייכטער מנורות, צום דוכענען דער בעקן,
און ערשט אינם לאָנדאָנער טעמפּל, אינם גרעסטן.

די מזרח־וואַנט גין־גאָלד און פּלאַטין און צעדער־האָלץ,
די ווייבער שול סאַמעט און זיידן און בראָקאַטן;
דער פּרעזידענט פון אַזאַ גוג־מגוג סינאַגאָג,
זיצט אין „באָקס" — אַן אויסגעגאָסענער פון דוקאַטן.

אַ טשעק־בוך זיין „פּסאַלטער" געבונדן אין עלפנביין,
זיין „פענטאַטוך" — אַ „שער" וואָס האַלט אין איין שטייגן!
און ביי די „פּרעיערס" ווען דער „מיניסטער" בוקט זיך טיף,
ווער ווייסט אויב נישט צו אים ער האַלט זיך אין איין בייגן?

ווי לויטער ווי גין־גאָלדן עס קלינגען די גלעקלעך,
ווען די הייליקייטן מען נעמט אַרויס צום ליינען — —
נישט אַ בר מצוה־בוי גייט אויסזינגען זיין „פאַרשן" —
צום „טאַבערנאַקל־פעסט" צו גיין גרייט אַלע זיינען.

דעמלט די אתרוג־פּושקעס געבן זיך אַן עפן,
ס'איז דער טעמפּל אַ מאָזאַאיק פון איידלשטיינער,
איין קעסטעלע, איין פּושקעלע שענער פון צווייטן — —
בלויז ער, דער פּרעזידענט, דער מאַגנאַט, בלויז ער איינער,

וויקלט אַרויס ווי פון קאָניפיעס, ווי פון וואַטן,
אַן אתרוג פון עפּעס אַ פּודעלע, אַ פּראָסטן — — —
ער, דער מיליאַרדעער, דער רויטשילד פון די רויטשילדס
אַ פּושקעלע קוים שניפּטאַלבן פייעס ס'זאָל קאָסטן?

און טאַטעס צו קינדער און זיידעס צו אייניקלעך,
נישט קיין בייקע, אַן אמתע מעשה דערציילן:
דאָס איז ער, ערשטער דירעקטאָר, דער אייגנטימער,
ער אליין, דער קעניג פון די פעטראָלס און איילן.

נישט עפּעס אַ בערטאָן־לייענס, אַ וואָלפסאָן און זיוו,
מיט כל־ערליי באַקאַליי שמע־קולינו־קראָמען;
ס'איז דער לויתן, דער מלך מלכי המלכים —
פּאַשאַס און סולטאַנען ציטערן פאַר זיין נאָמען!

עליו־השלום, זיין טאַטע אַהערגעקומען,
פון פוילן, פון ליטאָ, פון רומעניע־אוקריינע;
ווער ווייסט פון וואַנען אַן אָרעמער ייד קומט,
און זוכט ס'שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדערלעך זיינע.

ס'איז גוט צו זוכן, אַז מ'קאָן עפּעס געפינען,
אָבער אַז ביים ברעג ים אויף הפקר אייסגעשפּיגן;
ליגט אַזוי אין געהאַקטע צרות, ברומענדיק,
פון דער היים אַ נישט פאַרגעסענעם סמוטנעם ניגון.

און אויף די קינדערלעך אַ לעבן: די זון, דער ים,
שפּילן יאָגערלעך מיט די לויפנדיקע וועלן,
און מושל־שיסעלעך און שעלס, אין די מיליאָנען,
סילען זיי ווי שנירלעך פּערל, ווי בייטשן קרעלן.

און די גרויסע וואָס מאַכן נישט אַלץ? און ווי קינציק!
מושל־שיסעלעך, שעלס פּודעלעך באַקלעבן — — —
אַהער אהין, וואָס לאַנג ברייען, פון אָט דער „סחורה"
ס'האָט דער ייד מיט ווייב און קינד געמאַכט אַ לעבן.

טויזנט און איין וועג פונם וויגל ביזגל קבר,
ווער ס'איז רייך ווי קרח און ווער ס'לעבט ווי אַ כלב;
טויזנטער מוזן זיך ווי די הינט צום טויט מוטשען,
אַז ווי אַ קעניג ס'זאָל לעבן אחד מאלף.

און ווען ער געוואָרן, דאָס וואָס ער איז געוואָרן,
פון די דירעקטאָרן דער ערשטער און דער גרעסטער,
געקרוינט האָט ער זי, די פירמע, מיט אָט דעם נאָמען —
„שעל"! ער, דער אייגנטימער, דער גרעסטער אינוועסטער.

מסתם זיך דערמאַנט אין טאָג, ווען אַהערגעקומען,
פון פּאָגראָם געלאָפן און דאָ אַהיים געפונען,
אין די מושל־שיסעלעך זיך דערמאַנט, — אין די שעלס!
אין ים אַ פריידיק צעשפּילטער מיט טויזנט זונען.



דאָס איז נישט קיין בייקע קינדערלעך איינצושלעפן,
און ווען מען ווערט גרויס איבער זיך אַליין צו לאַכן!
איר זעט דאָך דאָס פּודעלע, ווו ער האַלט דעם אתרוג,
ער אַליין, מיט זיינע הענטלעך געטון האָט'ס מאַכן.

## יוסף חיים ברענער

1

גנעסין איז צוריק געפאָרן, שאַפּירא — ווייטער,
ממש ווי אויפן וואַסער איז ער איבערגעבליבן;
ווען נישט ער, דער זשיטאָמירער, און זיין „מעורר",
כאָטשבע אין לעוועָרטאָוו'ס הייזל זיך אַריינגעקליבן.

אַ גרויסע קאַזאַרמע עס איז די גאַנצע וועלט,
עס מוז דער מענטש האָבן אַ קויקע אויף איר צו ליגן;
„מעבר לגבולין", גרענעץ־לאָז דאָס גראַנגל,
נענטער צו דער שיסל מיט קאַשע זיך צוצוקריגן.

בלויז אַלץ וואָס רינט איבער דער באָרד איז חזיר־טריפה,
צומאָל דער שמן־זית פון כהן־גדולס קריגל;
עמך — שער־און־אייזן! אויב כ'וועל דאָ איבערבלייבן,
איידער אַ פּרעסע־מענטש — ביים פּרעס־טיש מיט אַ ביגל.

גרעסער פון ביאַליק, אחד־העם, באַרדיטשעווסקי,
ס'שטיקעלע ערד מיט לייב און לעבן זאָל זיך צעוואַקסן;
ישראל, דא איז נישט גלות, דאָ איז כף הקלע!
און איך נישט בערטא — „דאס הייליקע לאַנד" צו צעפּלאַקסן! *

„נאַראָדניצקי", ס'איז נישט אפילו דער „מעורר",
וואָס כ'האָב מיך צו דיר אין הויז — אין האַרץ! — אַריינגעקליבן;
עס איז וואָס דער גרויסער פרץ האָט פון דיר געטראַכט —
ס'איז דער עיקר דאָס טראַכטן, נישט וואָס מ'האָט אויפגעשריבן.

און אצינד, באו, געגאַנגען צו דיינע כלי־קודש!
ווי קליין ישראל געווען, אַזוי גרויס זיין בליק געוואָרן,
געקויפט ביי זשאָן אייזיקס „צוויי פּאַפּירן פיש און טשיפּס",
ברומענדיק: „צוויי טיקעטס" אויף די 11 באַס צו פאָרן.

---

* ישראל נאַראָדיצקי, איידער ער איז געקומען קיין לאָנדאָן האָט ער איז זשיטאָמיר מיט בערטאַ פלאַקסער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג „דאָס הייליקע לאַנד", וועלכעס י. ל. פרץ האָט שטאַרק אַראָפּגעריסן „נאַראָד־ניצקן", אַזוי רופט ער אים אין אַגרעסערן עסיי.

2

צווישן די חובבי און דובבי שפת עבר,
איז ער אַריינגעפאַלן ווי אַ יוון אין סוכה ;
און ווען זיי דערזען, די עברית בעברית „טיטשער״,
האָט ער געגעבן אין זיין באָרד אַריין אַ מין מרוקע —

אַ חיה אין וויסטן וואַלד זיך אַזוי ווייסט צעוואָיעט,
אַ וואַנדלדיקער טיגער אונטער שטאַנגען און גראַטעס :
„ענגליש או עברית און פאַרן גוי, פאַר ראָקערן,
לאָזן דאָס לשון פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס ?

„כלב על השולחן, כלב תחת השולחן,
כ׳וועל שוין באלד דאָ ביי אייך אָנהויבן ווי אַ הונט בילן — —״
דון־יחיא פון איין זייט און גאָלדבלום פון דער צווייטער,
זוכן מיט־כל המיני מיטלען אים איינצושטילן.

ביז דער לויפנדיקער בליק פונם זשיטאָמירער,
פון „נאַראָדניצקין״, וואָס קייגנאיבער אים געזעסן,
מיד פון אַ גאַנצע נאַכט דעם „מעורר״ צו זעצן,
האָט זיך אין זיין צער־כעס מיט לויטערקייט איינגעגעסן :

„יוסף חיים״, ביי מיין ווילנערקע, ביי מיין רבקה׳ן,
וועלן מיינע קינדער יידיש במילא שוין קענען — —״
און פון גרויס מידקייט, צי פון נאָך גרעסערער ליבשאַפט,
געפאַלן זיך מיט געוויין אויף די העלזער זיי זענען.

## עלען ווינאגראד

## מיין באזוך אין טעאטער „גרענד פאליי״

עס איז שטענדיק אנגענעם צו זען אין אידישן טעאטער נייע געסט. דעם לעצטן זונטיק האב איך געזען אין „גרענד פאליי״ סימאן אסאוויצקי אין העלענא שלאנגער, געסט פון ישראל, אין א פיעסע „דעם חזנ׳ס זינדל״, א מעלאדראמע מיט געזאנג.

די פיעסע האט א פאלקסטימליכן אינהאלט וואס ווערט קיינמאל נישט אלט.

דער געראנגל צווישן די אלטע אין די מאדערנע וועלט. דער צויבער פון טעאטער אנטקעגן דער אלטער שול, אין דעם זיג פון דעם אידישן פינטעלע. דאס שפילן איז גאנץ גיט אין אפטמאל רירענדיק.

סימאן אסאוויצקי איז א געווינס פארן אידישן טעאטער. ער פארמאגט א שיינע שטימע און א פאלקסטימליכקייט, אויך זיינע דראמאטישע מאמענטן דיינען איבערצייגענד.

העלענא שלאנגער איז א גאנץ טאלענטירטע אקטריסע, זי דערמאנט מיך



אין די צייטן ווען צום אידישן טעאטער זיינען צוגעקומען אינגע טאלענטירטע פאניענקעס. עס איז אנגענעם צו קוקן אויף איר, און אויך אנגענעם זי צו הערן.

מיין בוקעט פון אנערקענונג וואלט איך געוואלט שענקן מייטע סעגאל, וועלכע האט מיך צופרידן געשטעלט מיט איר שפילן די ראל פון דעם חזנ׳ס פרוי (שרה). זי איז געווען זער גוט, איבערצייגענד אין נאטירלעך. דער גאנצער אנסאמבל איז געווען אויף דער געהעריקער הויך.

איך האף אז דער אידישער עולם וועט שענקן די פארדינטע אנערקענונג צו די געסט פון ישראל, ווי אויך צו דער טרופע פון „גרענד פאליי״, און קומען צאלרייך באזוכן דאס טעאטער.

## באריכט פון דער יערלעכער אלגעמיינער פערזאמלונג פון

## „פריינט פון יידיש לשון״

זונטיק דעם 21־טן פעברואר איז פארגעקומען די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון, און זעלבן רעסטאראן ווו מיר טרעפן זיך אלע שבת ביי א גלעזל טיי נאך די יידישע ליטערארישע שבת נאכמיטאגס אין דער בערנער סטריט.

דער פארזיצער פון פריינט פון יידיש לשון א. נ. שטענצל האט געעפנט די פערזאמלונג. צווישן אנדערן, האט ער געזאגט : „אין סאוויעט רוסלאנד איז יידיש פערבאטן, און אין ישראל ווערט יידיש געדולדעט, און ביי אונדזער שווערער לאגע ווען ביי יעדן ציוניסט און ביי יעדן קאמוניסט איז יידיש טריפה, און ביי דעם עולם איז אפערגליווערטע גלייכגילטיגקייט צו יידיש און צום יידישן שאפן, איז באמת א וואונדער אז אונדזער פאַראיין עקזיסטירט נאך בכלל, אינם עקזיסטענץ גופא איז א סימן פון זיין נויטוועדיגקייט״.

דער פרעזידענט, יהודה ביעטש, האט אבגעגעבן דעם יערליכן באריכט פון אונדזער קולטור טעטיגקייט. „וועכענטליכע ליטערארישע שבת נאכמיטאג, וואס ווערן אבגעהאלטען 48 שבתים אין יאר, און יעדער שבת האט זיך זיין אייגען פנים. רעציטאציעס פון אונדזערע קלאסיקער און שרייבער, געזאנג, פאלק־לאר, און פאלקס לידער. לעקציעס איבער פאליטישע, געזעלשאפטליכע, און קולטור פראבלעמען, באריכטן איבער יידיש לעבן אין דער גארער וועלט. ווינטער צייט ענליכע ליטערארישע פעראנשטאלטונגען, זונטיק יעדן חודש און בן אורי. יעדן מיטוואך אוונט סעמינארן, איבער קולטור און וויסן.

הייאר — דאס שלום עליכם יאר — האבן מיר אדורכגעפירט מיט גרויס דערפאלג, אנגעהויבן מיט אפארשטעלונג אין יידישן טעאטער „שווער צו זיין א ייד״ וואס די אקטיארן האבן זיך באמיט זער פיין אויפצופירן. אנגעשלאסן אין אונדז האט זיך די „יידישע קולטור געזעלשאפט״, זייער פארזיצער, י. שינ־דלער האט געעפנט די פארשטעלונג און געשלאסן דעם אוונט האט אונדזער פארזיצער. א חוץ דעם האבן מיר אין אדלער האל געמאכט א שלום עליכם באנקעט, און יעדן חודש האבן מיר א שבת געווידמעט און רעפערירט וועגן

שלום עליכמס שאפונגען. א עקסטרא נומער „לשון און לעבן“ איז דערשינען צום שלום עליכם יאר“. דער סעקרעטאר און וויצע־פרעזידענט, מ. ווייסגראז, האט אבגעגעבן דעם פינאנציעלן באריכט פונם פערגאנגענעם יאר. דער סעקרעטאר פון „לשון און לעבן“, נחמן רובין האט באריכטעט וועגן דער צירקולאציע פון אונדזער זשורנאל. די ציפערן פון אונדזער בודזשעט קאן זיך נאטירליך נישט פארגלייכן מיט די בודזשעטן פון אנדערע יידישע קולטור געזעלשאפטן וואס זייערע הכנסות באשטייען פון פארשידענע קוועלן, און עס דרייען זיך אויך ארום זיי פילאנטראפן און מעצענאטן. עס האט זיך אנטוויקלט א ווארמע דיסקוסיע וועגן דער טעטיגקייט פון אונדזער פאראיין, און וועלכן עס האבן זיך באטייליקט פרוי רחל מירסקי, עלע זילבערג, פרוי סאכאטשעווסקי, סעמי לעוו יהודה ביעטש נחמן רובין, בענקוויטש, יאקובאוויטש קליינבוים בעקערמאן און ווייסגראז צום שלוס האט מען אויסגעקליבן אנייעם קאמיטעט: פרעזידענט — י. ביעטש; וויצע פרעזידענט און סעקרעטאר — מ. ווייסגראז; פארזיצער — א. נ. שטענצל; קאמיטעט מיטגלידער — נ. רובין, מ. בעקערמאן, רחל מירסקי, ח. נ. בענקוויטש, מרס. סאכאטשעווסקי, פ. קליינבוים; קאסירער — מ. ווייסגראז, און אלס אוידיטארס — סעם לעוו, ס. יאקובאוויטש.

מיר האפן אז אונדזער וויכטיקע ארבייט אויף דער יידישער גאס אויף וועלכער עס באווייזן זיך פארשידענע אינסטיטוציעס מיט קלינגענדע נעמען און עס בלייבט נאר ליידער דער פוסטער קלאנג — פון יידיש קולטורעלע טעטיגקייט — וועט ווייטער אנגיין מיט איר רעגלמעסיגקייט ווי ביז אצינד. אונדזער ארבייט גייט זער שווער אן, אבער עס ווערט געטון.

מ. וו.

## לאנדאנער קולטור-ידיעות

אין בן־אורי איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון שרייבער־פעראיין און „פריינט פון יידיש לשון“ אַן אויפנאַמע פאַר דעם שרייבער אברהם שולמאַן, רעדאַקטאָר פון „אונזער־שטימע“ פון פאַריז, לכבוד זיין ניי בוך „דער הימל איז נאָך אַלץ פאַר די געטער“. דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט איז געווען א. מ. קייזער, וועלכער האָט אַרומגערעדט דעם אַרט־שרייבער פון שולמאַנען. עס האָבן נאָך גערעדט א. י. ליסקי, מאָריס מינדעל און א. נ. שטענצל. דער חשובער גאַסט האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועלכער האָט געפונקל פון הומאָר און עספרי. פון וועלכן דער עולם האָט גרויס הנאה געהאַט און געקויפט דאָס נייע בוך פונם גאַסט.

• • •

עס דערשיינט דעם חודש אַ בראָשער, אַרויסגעגעבן פונם לאָנדאָנער ייוו״אָ: פינף יראָ טעטיקייט פונם לאָנדאָנער ייוו״אָ. עס זיינען צוויי אויסגאַבעס, אין יידיש און אין ענגליש.

• • •

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 12'טן מערץ — דער גוט באַוווּסטער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג, אַ שבת פון הומאָר און געזאַנג לכבוד פורים.

שבת, דעם 19'טן — מאָריס מינדעל: די יידישע פרוי אַמאָל און היינט.

שבת, דעם 26'טן — דער פרילינג־מאָטיוו אין דער יידישער פאָזיע.

## לאנדאנער קולטור ידיעות (המשך)

אין אונזער לעצטן זונטיק אין בן אורי איז דאס טעמא געווען „אונזער יידישע שרייבער איןביידע אַמעריקעס“. די רעדע געהאַלטן האָט שלמה אויערבאך. פאָרגעלעזן פון די פראזע שאַפונגען האָבן יהודה ביעטש און מנשה ווייסגראז. בעלא וויינער האָט רעציטירט פון דער דיכטונג. פאָרזיץ א. נ. שטענצל.

• • •

דר. האָמא האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין רידינג־רום: דאָס יידישע לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד — באַריכט פון זיין נסיעה. פאָרזיץ מאַדאַם סומך־פיליפס.

• • •

די קאָמוניסטישע פאַרטיי, (איסט־לאָנדאָן קאָמטעט) האָט איינגעאָרדנט אַ שלום־עליכם פייערונג אין גרעוויל־פיט־האָל. עס האָבן גערעדט, איבער שלום עליכם שאַפן, די ענגלישע שרייבער, אלעק וועסט און אַרנאָלד וועסקער, פאָרגעליינט אין יידיש און אין ענגליש האָבן: בעלא וויינער און מאָריס באַניסטער. דער פאָרזיץ האָט געפירט אלעק וואָטערמאַן.

• • •

עס איז דערשינען א ביכל „בלעטלעך פון מיינע זכרונות“ פון א. ש. צימערמאַן. די הקדמה צום בוך האָט געשריבן ל. ש. קרעדיטאָר. דעם 20 דעם חודש קומט פאָר אַ באַנקעט לכבוד דעם מחבר און זיין בוך אין פאָלמאַנס רעסטאָראַן.

• • •

שמעון האָראָוויץ, דער פאָרזיצער פונם גאַליציאַנער פעראיין איז קראַנק און געפינט זיך אין שפיטאָל, מיר ווינטשן א רפואה שלימה.

• • •

אין יוניטי־טעאַטער שפילט מען שלום־עליכם אַ דראַמא, אין אַן ענגלישן פערלאַג איז דערשינען „די לאַלקעס“ פון קאַצעטן; און אין יוסף לעפטוויטש, איצערזעצונגן אַ ראָמאַן פון דלושעגאָווסקי.

• • •

צו דער ערשטער יאָרצייט פון אביש מייזלס איז געשטעלט געוואָרן די מצבה. שרייבערס און אַקטיארן זיינען געווען אַרום קבר. ש. י. האַרענדאָרף האָט גערעדט איבער נפטר און אויסגעדרוקט טיף מיטלייד צו דער אלמנה, די באַוווּסטע אַקטריסע קלאַראַ מייזעלס און צו דער טאָכטער.

פערגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט אינם סעמינאַר פאַר קולטור און וויסן, אָנגעפירט פון „פריינט פון יידיש לשון“, וואָס גייט רעגלמעסיק אָן יעדן מיטוואָך, שלמה אויערבאַך, י. ריכטיקער, מאָריס מינדעל, א. נ. שטענצל, און דר. רבי ה. ראַבינאָוויטש. דר. ראַבינאָוויטש לעקציע „די פערזענלעכקייט פון בעל שם טוב און די עקרים פון זיין תורת־החסידות“, וועט אָפּגעדריקט אינם קומענדיקן נומער „לשון און לעבן“.

• • •

אין אַרבעטער־רינג איז פערגאַנגענעם חודש איינגעאָרדנט געוואָרן אַ דוד פינסקי־מעמאָריום. דער רעדער איז געווען מיכאל זילבערבערג. געליינט פון פינסקיס כתבים האָבן א. האָלאַנד און זעליק עפלבוים, און דעם פאָרזיץ האָט געפירט מאָריס מינדל.

• • •

פערגאַנגענעם חודש האָט דער ארבעטער רינג געפייערט אין דער העקני טאון־האול דעם יובל החמשים פון זיין עקסטענץ.

• • •

די פרויען־סעקציע, ביים אַרבעטער רינג, האָט אין קאָרע־האָטעל, ביי אַ באַנקעט געפייערט דעם 70 געבוירן טאָג פון איר פרעזידענטין פרוי סאַלאָמאָן.

• • •

עס האָט זיך געשאַפן אין אַ ווישנשאַפטלעכע סעקציע ביי ייוואָ. די ערשטע אויפגאַבע איז צו אָרגאַניזירן אַ סעמינאַר פון יידישע ליטעראַטור פאַר סטודענטן און יוגנדלעכע.

• • •

די חברים גרופע אין גרענד־פאַלעי, מיט זייערע סטאַרס, העלנע שלאַנגער און סימאָן אָסאָוויצקי, האָבן אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג „די צוויי קוני לעמעלס“ פון אברהם גאָלדפאַדן, אונטער דער רעזשי פון סימאָן אָסאָוויצקי.

• • •

צו דער פינפטער יאָרצייט פון לעאָן האָכשטיין האָט מען געליינט זיינע לידער ביים „יידיש ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג“.

• • •

בערל ראָזנער, דער פאָרזיצער פונם לאָנדאָנער בונד, האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אַפעראַציע און איז בשלום אריבער און געפינט זיך אויף רעקאָנוואַלעסענס.

216

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 344) איין און צוואַנציקסטער יאָר־גאַנג אַפּריל 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט :


אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר ביים סדר . . ., צום 19'טן אַפּריל 1960 ...... •• 1

זכור ד' מה היה לנו . . . ...... יוסף הלל לעווי 4

צי ישראל (ליד) ...... בן־א סאַבאַטשעווסקי 6

ביים שוועל, ביים שפּיגל (לידער) ...... עלי זילבערג 7

דער פּסח גייט (ליד) ...... מערי קויהען 7

אַ דיסקוסיע מיט חרוסת ...... אברהם שולמאַן 8

אַ פאָטאָגראַפּיע פון פאָל ווערלען (מיניאַטור) ...... ש. טענענבוים 9

פרילינג, דו (לידער) ...... שמואל וההייט 10

200 יאָר ועד־הקהילות פון ענגלישן יידנטום ...... ש. י. דאַרפזאָן 11

ויקרא, רבי פרדס, 14 קורץ־שלוס־סאָנעטן (צום בוך „ווייטשעפּל" א. נ. שטענצל 13

יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד) ...... י. ריכטיגער 21

„אַ מאַזשאָריטי אָוו וואַן" (טעאַטער רעצעניע) ...... עלען ווינאָגראַד 30

קולטור כראָניק ...... מ. אלמאַן 30

„דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פון סימאָן בלומענפעלד אין גרענד פּאַלעי טעאַטער (רעצענזיע) ...... ש. 31

לאָנדאָנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 32


**פּרייז 2 שילינג**


אַבאָנאָמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*


• • •

עס האָט זיך געגרינדעט אין לאָנדאָן אַן אָפּטיילונג צונם וועלט־פּערבאַנס פון יידישע זשורנאַליסטן. פאָרזיץ יואל צאַנק, סעקרעטאַר יוסף פרענקעל.

• • •

ביי די שבת נאָכמיטאָגס האָט סעם לעווי געהאַלטן אַ פאָרטראָג : די ענטשטייאונג פונם אַנט סעמיטיזם.

• • •

סיימאָן בלומענפעלדס פּיעסע „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד" אַ לעבנס־בילד פון דער לאָנדאָנער יידישע יוגנט, איבערזעצט אין יידיש פון הער אריעל וועט געשפּילט ווערן אין גרענד־פּאַלעי־טעאַטער פון דער לאָנדאָנער חברים־גרופּע מיט די סטאַרס פון ישראל סימאָן אָסיוויצקי און רעזשיסירט פון האַרי אַריעל.

• • •

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אָרדנט איין, ווי אַלע יאָר דעם חודש אַ בוך־וואָך.


**א הארציקן מזל טוב** פריינט **יענקל** און **רחל ראוטש** צום געבוירן ווערן פון זייער איינקל.

„לשון און לעבן"



**אונזער טיפן מיטלייד** צו פריינט **שולמאַן** צום פאַרלוסט פון זיין פרוי. זאָל ער געפינען טרייסט אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

„פריינט פון יידיש לשון"



## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

„ווייטשעפּל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-

„שיידוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-

„ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6

„טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6

„מאָכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וההייט 7/6

יובל־אַלמאַנאַך 15/-

גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :

**LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.**



## „די אידישע שטימע"

די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1